STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06102

# NIT FARGESN - NIT FARGEBN!

J. M. Budish

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ניט פארגעסן —
# ניט פארגעבן!

## צום 11טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער
## געטאָ־אויפשטאַנד

### פון י. מ. בודיש




**19טן אַפּריל 1943 — 19טן אַפּריל 1954**

אַריסגעגעבן פונעם
**פאַראייניקטן קאָמיטעט פאַרן יאָרטאָג**
**פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד**

# ניט פאַרגעסן — ניט פאַרגעבן!

.1

הייליק און טייער האַלטן די יידן דעם טאָג פון 19טן אַפּריל, דעם טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. מיט יראת־הכבוד פייערן מיר דעם גרויסן טאָג, ווען מיט 11 יאָר צוריק, אין 1943, זיינען די קדושים און העלדן פון דער וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעטראָטן אין אָרגאַניזירטן אָפענעם שלאַכט קעגן דער היטלעריסטישער מיליטערישער מאַכט.

הייליק און טייער איז דער טאָג פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד ניט בלויז פאַר יידן. אינעם נייעם פוילן און אומעטום, וואו מענטשן קעמפן פאַר פרייהייט, ערט מען דעם היסטאָרישן בייטראָג, וואָס דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געמאַכט צום ענדגילטיקן זיג איבער דעם רציחהדיקן נאַציזם־פאַשיזם.

דער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ האָט געראַטעוועט דעם יידישן כבוד און האָט געמאַכט אַ היסטאָריש־וויכטיקן בייטראג פאַרן יידישן קיום.

אויף דער קאָוואדלע פון אומבאַשרייבלעכע ליידן האָבן די פוילישע יידן אויסגעשמידט די ברייטע אייניקייט און אייזן־פעסטע אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט״!

אין די פיר שווידערלעכע יאָרן פון דער נאַצי־אָקופּאַציע האָבן זיי באַוויזן צו לערנען דעם היסטאָרישן אמת, אַז בלויז אין פאַרעקשנטן, אומאויפהערלעכן, ריקזיכטלאָזן קאַמף קען מען פאַרטיידיקן די אייגענע עקזיסטענץ און מענטשן־ווירדע און דעם כבוד און קיום פון פאָלק.

דער אויפשטאַנד וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אַ היסטאָרישע וואָרנונג צו די נאַציס און אַלע מינים פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן, אַז יידישער כבוד און יידיש בלוט זיינען ניט הפקר; אַז יידן וועלן מער קיינמאָל ניט לאָזן זיך פירן צו דער שחיטה ווי שעפסן, און זיי וועלן מער קיינמאָל ניט דערלויבן צו שענדן דעם יידישן כבוד.

.2

מיר פאָרשן די געשיכטע פון די גרויסע געשעענישן אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל זי קאָן אונדז דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט.

עס איז אַ פאַרשוועכונג פונעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע קדושים און העלדן, ווען מען פּרוּווט פאַרוואַנדלען די אויפטרייסלענדיקע, היסטאָרישע דער־פאָרונגען, וועלכע האָבן געפונען זייער קלימאַקס אינעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, אין בלויז אַ מין שיינער לעגענדע. אונדזער לעבן איצט ליידט אויך פון אומצייליקע פלאַגענישן און שטייט פּנים אל פּנים מיט ערנסטע געפאַרן, וועלכע שטאַמען פונעם אייגענעם פאַר׳סמ׳טן קוואַל, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פייניקונגען און אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן. עס איז דעריבער אומגעהויער וויכטיק, אַז מיר זאָלן זיך ערנסט אַריינטראַכטן אין דער געשיכטע פון יענער טראַגישער און העלדישער צייט. מיר מוזן געפינען אַן ענטפער אויף די פאָלגנדע פראַגן, וועלכע מאַטערן און עגבערן דעם מוח פון יעדן דענקנדן יידן:

א) פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט־דער גענאָסיד, די פאָלקס־אויסראָטונג פּאָליטיק פון היטלעריזם קעגן די יידן, אַ פּאָליטיק וואָס האָט קיין ביישפּיל צו זיך ניט אין דער געשיכטע? איז דאָס געווען אַ צופעליקע אַנטוויקלונג, אָדער אַ גוט־דורכגעטראַכטער פאַרניכטונג־פּלאַן? וואָס איז די נאַטור פונעם נאַצי־פאַשיסטישן שונא, און ווי אַזוי איז מעגלעך געווען, ער זאָל בכלל קענען קומען צו דער מאַכט אין אַ ציוויליזירט לאַנד?

ב) ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז אַזוי פיל הונדערטער טויזנטער יידן זאָלן זיך לאָזן פאַרשפאַרן אין אַ געטאָ און דאַן זיך לאָזן פירן אָן ווידערשטאַנד צו דער שחיטה? און ווי אַזוי איז ענדלעך צושטאַנד געקומען דער גרויסער רום־פולער אויפשטאַנד?

ג) וואָס פאַר אַ צוואה האָבן די אומגעבראַכטע יידן און געטאָ־העלדן אונדז איבערגעלאָזט? וואָס איז די באַדייטונג פונעם אויפשטאַנד? וואָס קענען מיר, וואָס מוזן מיר לערנען פון זייער מסירות־נפשדיקן קאַמף פאַר אונדזער לעבן און קעמפן היינט און מאָרגן און להבא, פאַר אונדזער סאַמע קיום אַלס יידן און מענטשן?

## .3

היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד אין יאַנואַר, 1933, ווען די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג און די קליינע און מיטעלע געשעפטסלייט האָבן געליטן פונעם טיפסטן, עקאָנאָמישן קריזיס.

נאָך אין אָקטאָבער, 1931, ביי אַ קאָנפערענץ אין הארצבורג, האָבן די פּאָ־ליטישע וואָרטפירער פון דער גרויס־בורזשואַזיע, מיטן אינדוסטריעלן מאַגנאַט הוגענבערג און דעם באַנקיר, צוקונפטיקן נאַציאָנאַלן פינאַנץ־מיניסטער און איצ־טיקן ראַט־געבער פון דער אדענאַוער רעגירונג, היאַלמאַר שאַכט, אין דער שפּיץ,

צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פונעם שטאַהלהעלם און רייכסווער־גענעראַלן, אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן באַלדיקן איינפירן אַ פאַשיסטישע דיקטאַטור אין דייטשלאַנד, אַלס אויסוועג פון קריזיס. דער דייטשישער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט אַלע זיינע רעסורסן געשטעלט צום דינסט פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער היטלעריסטישער פאַלשער תורה פון ראַסיסטישן נאַציאָנאַליזם מיט איר פאַרטיקן שעיר לעזאזל פון „יידישן" באָלשעוויזם און קאָמוניזם, מיט די פאַנטאַסטישע ווילדע פלוידערייען וועגן „בלוט, ראַסע און ערד"; מיט די אומזיניקע טעאָריעס וועגן דער כלומרשט העכערער נאַטור פון דער דייטשישער אַרישער ראַסע, צוליב וועלכע זי זאָל זיין באַרופן צו באַהערשן די וועלט און געוועלטיקן איבער די אַזוי־גערופענע „נידעריקערע" ראַסן און פעלקער.

אָט־די אַלע איבערגעשפּיצטע פּאַטריאָטישע בבא־מעשיות און צוגעטראַכטע ווילדע „טעאָריעס" זיינען געווען בלויז ווי געווירץ פאַר דעם הויפּט־טייוועלשן נאַצישן געריכט פון אַ קרייצצוג קעגן קאָמוניזם אין דייטשלאַנד און איבער דער גאַנצער וועלט צו „ראַטעווען" די ציוויליזאַציע און דעם קריסטנטום.

דער דייטשער אימפּעריאַליזם האָט אויסגערעכנט, אַז ווען זיינע צוגרייטונגען צו אַן אַגרעסיווער מלחמה פאַר דעראָבערונג און „לעבנסראום" וועלן זיין פאַרמאַסקירט אַלס אוניווערסאַלער קרייצצוג קעגן באָלשעוויזם און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט זיין לייכטער צו דערגרייכן די צוויי וויכטיקע פאַרבאַדינגונגען פאַר דעם דערפאָלג פון זיינע קריג־פּלענער: ערשטנס, אַז די דייטשע פאָלקס־מאַסן זאָלן לאָזן אַרויפצווינגען אויף זיך די אומגעהויערע לאַסט פון דער גיגאַנטישער באַוואָפענונג און זאָלן אויך צושטעלן גענוג קאַנאָנען־פלייש פאַרן געפּלאַנטן קריג; צווייטנס, אַז אָט די מלחמה־צינדערישע פּלענער זאָלן זיך ניט אָנשטויסן אויף אַן ערנסטן ווידערשטאַנד מצד די קעגנערישע אימפּעריאַליזמען, נאָר זאָלן, פאַרקערט, אויך קענען קריגן אַ געוויסע מאָס פון דערמוטיקונג און מיטהילף פון זייער זייט, דערהויפּט פון אַמעריקע און ענגלאַנד. אָט־די סטראַטעגיע האָט מעגלעך געמאַכט, אַז שוין דעם 30טן יאַנואַר, 1933, זאָל פּרעזידענט הינדענבורג באַשטימען היטלערן אַלס רייכסקאַנצלער. אַזוי איז די אָפענע פאַשיסטישע דיקטאַטור פון דער אימפּעריאַליסטישער גרויס־בורזשואַזיע געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

די היטלער־דיקטאַטור האָט דורכגעפירט איר קאַמפּאַניע פאַר דער פולער פאַרקנעכטונג פון לאַנד מיט אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און ברוטאַליטעט. דעם 22טן פעברואַר, 1933, קומט פאָר דער רייכסטאַג־פייער, וועלכן די נאַציס אַליין האָבן פּראָוואָקאַטאָריש אונטערגעצונדן, כדי צו פאַבריצירן נאָך אַ בלוט־בלבול קעגן די „יידישע" קאָמוניסטן און שאַפן אַן אויסרייד פאַר אַן אויסערגעוויינלעכן טעראָר קעגן אַנטי־פאַשיסטן. דעם 23טן פעברואַר, 1933, גיט פּרעזידענט הינדענבורג אַרויס אַ באַפעל, אָפּצושאַפן אַלע בירגערלעכע רעכט,

וואָס זיינען געווען גאַראַנטירט פון דער ווײמאַרער קאָנסטיטוציע. דעם 14טן מערץ, 1933, ווערט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פאַרבאָטן. דעם 23טן מערץ, 1933, ווערט דער רייכסטאַג געצוואונגען זיך אַליין אויפצולייזן און איבערצוגעבן די גאַנצע מאַכט צו דער היטלער־דיקטאַטור. דעם 2טן מאַי, 1933, ווערן אַלע עקזיסטירנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס) אויפגעלייזט און זייער אייגנטום ווערט קאָנפיסקירט. דעם 23טן יוני ווערט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטיי פאַרבאָטן, און עטוואָס שפּעטער אַלע איבעריקע פּאַרטייען, אויסער דער נאַצישער.

אָט־די געשעענישן האָבן אויפגעדעקט די חיהשע, מענטשנפרעסערישע נאַטור פון דער דייטשישער אימפּעריאַליסטישער גרויס־בורזשואַזיע און איר נאַצישער דיקטאַטור. צום אומגליק איז די דעמאַסקירונג געקומען צו שפּעט. דער באַוואוסטער פראַנצויזיש־אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, ראָול דע רוסי דע סאַלעס,* קומט מיט רעכט צום שלוס, אַז:

„עס איז קיין צווייפל ניט, אַז היטלער וואָלט געקענט אָפּגעשטעלט ווערן אין דייטשלאַנד גופא ווען זיינע קעגנער וואָלטן געווען גענוג אינפאָרמירט וועגן זיין אַנוואַקסנדיקער מאַכט און וואָלטן פאַרשטאַנען ווי נויטיק עס איז זיך צו פאַראייניקן קעגן אים. אָבער זייער גאַנצע באַציאונג איז געווען אַ מין פאַראויסזאָגונג פון די צעטיילונגען און שוואַכקייטן, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרזיגלט דעם שיקזאַל פון פילע אייראָפּייאישע לענדער", און, לאָמיר צוגעבן, אויך דעם שיקזאַל פון מיליאָנען יידן און פון דער וואַרשעווער געטאָ.

4.

צוליב היסטאָרישע סיבות, וועלכע מיר קענען דאָ ניט באַטראַכטן, האָט זיך דער דייטשישער אימפּעריאַליזם אַנטוויקלט אַלס דער סאַמע רויב־גיריקער און גזלנישער אימפּעריאַליזם אין דער וועלט. זיין אינסטרומענט, די נאַצי־פּאַרטיי, איז באַשטאַנען פון די ערגסטע און נידערטרעכטיקסטע שוואַרצמאַהניקעס, פּאָגראָמשטשיקעס און גאַרגל־שניידער.

די נאַציס האָבן זיך באַנוצט מיט דעם „גרויסן ליגן" און שענדלעכסטע פאַלסיפיקאַציעס; זיי האָבן פּראַקטיצירט די סאַמע אוממענטשלעכע פייניקונגען, די אומדערהערטסטע מיתה־משונות, וואָס דער געוויינלעכער מענטש קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן.ברייטע גוזלשאַפטלעכע קרייזן אין און אויסער דייטשלאַנד

---

* אַדאָלף היטלער, „מיין ניו אָרדער", עדיטעד וויט קאָמענטערי ביי ראָול דע רוסי דע סאַלעס, מיט אַ פאָררעדע פון רעימאָנד גראַם סווינג, ריינאַל און היטשקאָק, ז' 11.

פלעגן דאַרום זיך באַציען מיט סקעפּטיציזם אפילו צו די סאַמע ראַיעלע באַריכטן וועגן די שווידערלעכע פאַרברעכנס פון דער באַנדיטישער נאַצי־פּאַרטיי. די היטלערישע נאַצי־פּאַרטיי האָט אויך אַנטוויקלט אַ גאַנצן העלישן אַפּאַראַט פון אונטערוועלט מענטשן און שווינדלער, וואָס זיינען געווען קינסטלער אין אָפּנאַרן אויף שריט און טריט, אין אויסנוצן די שוואַכקייטן פון זייערע קרבנות, אין פאַנאַנדערטיילן זיי אין קאַטעגאָריעס, כדי צו צעטיילן זייערע רייען און אַזוי אַרום מאַכן אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון ווירקזאַמען ווידערשטאַנד.

דער מאַרטירער־היסטאָריקער פון דער וואַרשעווער געטאָ, דר. עמנואל רינגעלבלום, האָט פאַרצייכנט אין זיין טאָג־בוך, אַז די נאַציס האָבן כסדר אָנגעווענדט די „געניאַלע פּערפידיע", די העכסטע מאָס פון שווינדלעריי בנוגע די יידן אין דער געטאָ. די „געניאַלע פּערפידיע" איז אויך פריער געווען דער הויפּטמעטאָד פון דער נאַצישער פאַרניכטונג פּאָליטיק אין באַצוג צו די יידן פונעם סאַמע ערשטן טאָג אָן, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד.

אין דייטשלאַנד האָבן אין 1933 געלעבט אַרום 550 טויזנט יידן, אַן ערך דריי־פערטל פון איין פּראָצענט פון איר באַפעלקערונג פון 65 מיליאָן. די היטלערישע פּאַרטיליקונג־פּאָליטיק בנוגע די יידן איז געווען אויסגערעכנט אויף אַ לענגערער צייט, אין משך פון וועלכער די יידישע קרבנות זאָלן קענען אויסגענוצט ווערן פאַר פאַרשיידענע טייוולשע צוועקן: כדי אָנצוואַרפן אַ פּאַראַליזירנדיקע שרעק אויף אַלע מעגלעכע אָפּאָזיציע עלעמענטן; אַלס מיטל אויפצוואַוועקן די נידעריקסטע אינסטינקטן אין די נאַצישע באַנדעס און צו ברוטאַליזירן זיי פאַר גרוילטאַטן קעגן אַלע אַנטי־פאַשיסטן, כדי צו קענען באַרויבן די יידן פון אַלע זייערע פאַרמעגנס אין און אויסער דייטשלאַנד, און, ענדלעך, כדי אויסצוווירקן אַ דרוק אויף די אויסלענדישע יידן, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן אויפצוהויבן אַן אַלוועלטלעכן פּראָטעסט.

היטלער האָט דורכגעפירט אָפענע און שטילע פּאָגראָמען קעגן די יידן. די פּאָגראָמען זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרן פאַר דער וועלט אַלס כלומרשטע ספּאָנטאַנע אויסברוכן פון אַ „דערצאָרנט פאָלק". דער אָנערקענטער יידיש־אַמעריקאַנער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר פון „היברו יוניאָן קאַלעדזש", סינסינעטי, יעקב ר. מאַרקוס, באַריכטעט אין זיין פונדאַמענטאַל ווערק „ראַיז ענד דעסטיני אָף די דזשוירמען דזשו" (1934), אַז „די יידישע מאַסן (אין דייטשלאַנד) זיינען פּאָלקאָם טעראָריזירט. ניט נאָר האָבן איינציקע יידן מורא, אַז זיי וועלן פאַרשפּאַרט ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פון וואַנען זיי וועלן קיינמאָל ניט אַרויסקומען קיין לעבעדיקע, נאָר אַלע יידן לעבן אין אַ געמיינזאַמער, טויטלעכער שרעק פאַר פּאָגראָמען". צוזאַמען מיט דער אומאויפהערלעכער בלוט־צאַפּעניש, פּאָגראָמען, פאַרשפּאַרונגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, קאָנפיסקירונגען פון אייגנטום, באַיקאָטן א. אַז. וו. פירט היטלער דורך אַ רייע געזעצן פאַר דער „הו־

מאַניטאַרער אויסראַטונג" פון די יידן.

דעם 7טן אַפּריל, 1933, זיינען ניט־אַריער (די יידן) אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אַלע רעגירונג־אַמטן און עס איז ביי זיי אַוועקגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו פאַרנעמען שטעלעס אַלס לערער, אָדער צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַטן. דעם 22טן אַפּריל ווערט שטאַרק באַגרענעצט דאָס רעכט פון יידישע דאָקטוירים צו פּראַקטיצירן. דעם 14טן און 26טן יולי, 1933, ווערן פאַרעפנטלעכט דעקרעטן, וועלכע מאַכן מעגלעך די דענאַטוראַליזירונג (צוריקנעמען די בירגערשאַפט) פון נאַטוראַליזירטע מזרח־יידן. דעם 23טן מערץ, 1934, ווערט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן דער דעפּאָרטאַציע פון מזרח־אייראָפּייאישע יידן.

אין סעפּטעמבער, 1933, ווערט דורכגעפירט אַ רייע דעקרעטן, וועלכע פאַר־באָטן יידן צו זיין באַשעפטיקט אין קונסט, מוזיק, ליטעראַטור און פּרעסע א. אַז. וו., און וועלכע פאַרבאָטן זיי צו זיין באַשעפטיקט אַלס ערד־אַרבעטער אָדער צו פאַרמאָגן לאַנד־אייגנטום.

די דייטשישע יידן האָבן דערצו שטאַרק געליטן פון אייגענע אינערלעכע פּלאָגן: פון אינערלעכער צעריסנקייט, פון פּחדנישן אָננעמען די נאַצישע אי־דעאָלאָגיע, פון 110־פּראָצענטיקע פּאַטריאָטן, פון האַלבע און גאַנצע יידישע פאַשיסטן און מוסרים. דער היסטאָריקער יעקב מאַרקוס שטעלט פעסט, אַז „די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע (נאַצי־פאַשיסטישע) אידעאָלאָגיע איז אויך ניט גע־בליבן אָן ווירקונג אויף זיי (געוויסע יידישע גרופּן) . . . די סאַמע עקסטרעם רעכטע פּאָזיציע פאַרנעמט די נאָך מער פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט פון נאַציאָנאַל דייטשע יידן, וועלכע וואָלט געוואָלט זיין נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטיש און וועלכע איז אַזוי פאַרביטערט קעגן די ציוניסטן און אַ סך אַנדערע יידישע גרופּירונגען, אַז זי איז כמעט אַנטיסעמיטיש".

אין סעפּטעמבער, 1933, ווערן אַרויסגעגעבן די טרויעריק־באַרימטע „ני־רענבערגער" געזעצן, וועלכע באַרויבן די יידן אויף שטענדיק פון בירגערטום־רעכט און פירן איין אַ רייע אַנדערע, פאַנטאַסטישע רעכט־באַגרענעצונגען פאַר יידן. געמישטע הייראַטן פון יידן מיט ניט־יידן ווערט דערקלערט אַלס קרימי־נעלער פאַרברעכן: פילע דייטשע ישובים און שטעט נעמען אָן דעקרעטן צו פאַרטרייבן אַלע יידן פון זייערע טעריטאָריעס און פאַרבלייבן „יודען־ריין". די דייטשע יידן האָבן געמוזט אויסשטיין אויך אַנדערע נגישות מצד די צעיושעטע נאַצים, — פייניקונגען וועלכע האָבן ווי אויסגעלייגט דעם וועג פאַר דער שפּע־טערדיקער פאַרטיליקונג־פּאָליטיק קעגן די פּוילישע יידן און דער וואַרשעווער געטאָ.

נאָך דעם פאַררעטערישן מינכענער אָפּמאַך פונעם 30טן סעפּטעמבער, 1938, האָט היטלער פאַרשנעלערט די דורכפירונג פון זיין פאַרניכטונג־פּאָליטיק קעגן די יידן. דעם 9טן נאָוועמבער, 1938, ביינאַכט, האָבן די נאַצים אויסגענוצט

דעם אויסרייד פון דעם אַטענטאַט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין פּאַריז קעגן אַ נאַציִשן דיפּלאָמאַט, און האָבן דורכגעפירט אַ רייע גוט־אָרגאַניזירטע, איינציי־טיקע, שוידערלעכע מאַסן־פּאָגראָמען אויף יידן איבערן גאַנצן לאַנד, און האָבן אויסער דעם נאָך אַרויפגעלייגט אויף די יידן אַ שטראָף פון אַ ביליאָן מאַרק. זיי האָבן אויך געצוואונגען די יידן באַלד איבערצוגעבן אַלע זייערע געשעפטן צו די דייטשן (אַריער).

דעם 28טן נאָוועמבער, 1938, ווערן די יידן אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון געוויסע ראַיאָנען, און אין אַנדערע ווערט זיי דערלויבט צו באַווייזן זיך אין דער עפנטלעכקייט בלויז אין געוויסע באַגרענעצטע שטונדן. דעם 12טן פעברואַר, 1939, קאָנפיסקירן די נאַציס ביי די יידן אַלע ווערטפולע זאַכן, ספּעציעל גאָלד, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט. דעם 4טן מערץ, 1939, ווערט איינגעפירט געצוואונגענע אַרבעט פאַר די יידן. דעם 30טן אַפּריל ווערט יידן פאַרבאָטן צו וואוינען אין ניט־יידישע הייזער. דעם 4טן יולי, 1939, ווערט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן דער פאַרמירונג פון דער „רייך אַסאָסיאַציע פון די יידן אין דייטשלאַנד", אַלס איינציקע פאַרטרעטערשאַפט פאַר אַלע יידישע אַנגעלעגנהייטן — דער ערשטער פון די טרויעריק־באַרימטע יודענראַטן.

אָפיציעלע דאָקומענטן פון דער היטלער־רעגירונג באַשטעטיקן, אַז זייער גאַנצע רציחהשע פּאָליטיק פון ראַסיסטישן אַנטיסעמיטיזם איז געווען בלויז אַ באַשטאַנד־טייל פון די אַלגעמיינע מלחמה־פּלענער פונעם דייטשן אימפּעריאַליזם. אַ געהיימער צירקוליאַר פונעם אויסערן מיניסטער פון 21טן יאַנואַר, 1939, דערקלערט אויסדריקלעך, אַז:

> „די פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען גלייכצייטיק אַ פאַר־הנחה און קאָנסעקווענץ פון די געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט אָן אָרט אינעם יאָר 1938" (דאָס פאַרכאַפּן פון עסטרייך, דער מינכענער אָפּמאַך א. אַז. וו.), און אַז דער ראַסיסטישער אַנטיסעמיטיזם „איז דעריבער געווען איינע פון די וויכטיקסטע פאַר־הנחות, וועלכע האָבן דערמעגלעכט יענעם כוחות־אָנשטרענג, וואָס האָט זיך אין 1938 אַנטקעגנגעשטעלט דער גאַנצער וועלט אין דער פראַגע פון דער פאַראייניקונג פון גרויס־דייטשן רייך."

## 5.

צו דער צייט פון דער פּוילישער אינוואַזיע האָט שוין דער דייטשער אימפּעריאַליזם געהאַט פאַרפאָלקאָמט אַלע זיינע טייוולאַנישע מעטאָדן פאַר דער אויסרויבונג, פייניקונג און ענדגילטיקער פאַרטיליקונג פון די יידן.

נאָך אין מאַי, 1939, איז שטרייכער אין „שטירמער" אַרויסגעקומען מיטן נאַצישן פּראָגראַם, אַז „עס מוז קומען צו אַ שטראָף־עקספּעדיציע קעגן די יידן אין רוסלאַנד . . . די יידן אין רוסלאַנד מוזן פאַרניכטעט ווערן, מוזן אויסגעראָטעט ווערן מיט די וואָרצלען". אין נאָוועמבער, 1941, איז דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס אַרויסגעקומען אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער היטלערישער רעגירונג — „רייך", מיט דער קאַטעגאָרישער דערקלערונג, אַז די דעמאָלטדיקע מלחמה מוז דערפירן צו דער פאַרניכטונג פון דער יידישער ראַסע. אָבער נאָך פריער, באַלד נאָך דער אָקופּאַציע, האָט די נאַצישע מאַכט זיך גענומען דורכפירן איר אויסרויבונג און פאַרניכטונג פּאָליטיק קעגן דעם דריי־און־אַ־האַלב מיליאָניקן פוילישן יידישן ישוב.

וואַרשע, מיט איבער 300 טויזנט יידן איז געווען דער וויכטיקסטער שעפערישער צענטער פונעם יידישן לעבן אין פוילן. דאָ האָבן זיך געפונען די הויפּט־פאַרוואַלטונגען פון אַלע יידישע פּאַרטייען, פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, די רעליגיעזע פאַרבאַנדן, די קולטור־און שול־אינסטיטוציעס, די פאַרלאַגן, צייטונגען און זשורנאַלן, טעאַטערס א. אַז. וו. מיט באַגאַבטע יידישע שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָרן, פאָרשער, געלערנטע און אָנערקענטע טוער אין די פאַרשיידענע געביטן פון קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, מיט אַ מונטערער אידעאַליסטישער יוגנט.

די אויפגאַבע וואָס די נאַצישע מחבלים האָבן זיך געשטעלט איז געווען צו פאַרטיליקן אָט־דעם גרויסן יידישן ישוב און ספּעציעל איר נערוון־צענטער, די יידישע געמיינדע אין וואַרשע, אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל ניט אַרויסרופן קיין ערנסטן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד, וועלכער וואָלט געקאָנט ווי אַ פונק אָנצינדן אַ פייער פון אויפשטאַנד איבער גאַנץ פוילן. די פאָלקאָמענע איזאָלירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַ קליינער צאָל אָפּגעשלאָסענע געטאָס, איז געווען דער ערשטער וויכטיקסטער שריט, וואָס די נאַציס האָבן געמאַכט פאַר דער דורכפירונג פון זייערע בעסטיאַלישע פּלענער.

די אויסגעפּרוּווטע טייוולאָנישע נאַצישע פּערפידיע, די גרויזאַמסטע פּייניקונג און יעדע פאַרפירערישע פעלשונג, איז אויסגענוצט געוואָרן, כדי צו באַוואָרענען, אַז די יידן זאָלן זיך לאָזן פרייוויליק פאַרשפּאַרן אין געטאָ. באַלד נאָך דער אָקופּאַציע האָבן די נאַציס אונטערגעוואָרפן די פוילישע יידן צו אַלע נגישות און פאַרפאָלגונגען פון די שענדלעכע נירענבערגער געזעצן מיט בייע אומצאָליקע פּייניקונגען. דאָס לעבן פון די יידן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. צו דער אייגענער צייט האָט זי דורך אירע יידישע געסטאַפּאָ אַגענטן, ווי דר. נאָסיג, גאַנצווייך און די יודענראַטלער, פאַרשפּרייט דעפּיטיזם, מיטן צוועק צו אַנטמוטיקן יעדן געדאַנק וועגן ווידערשטאַנד. זיי האָבן פאַרשפּרייט, ערשטנס, די שטימונג, אַז היטלערס ממשלה איז באמת אַלמעכטיק און יידן מוזן זיך צופּאַסן

צו זיין „נייער אָרדענונג״ און, צווייטנס, די אילוזיעס אַז די געטאָס זיינען אייגנטלעך גוט פאַר יידן. דעם 15טן נאָוועמבער, 1940, זיינען די וואַרשעווער יידן, צוזאַמען מיט אַ גרויסער צאָל יידישע פליטים פון אַנדערע פוילישע געגנטן און פון אַנדערע אָקופּירטע לענדער, ענדגילטיק פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער געטאָ.

די גאַנצע האַלב־מיליאָניקע מאַסע יידן, וואָס איז פאַרמויערט געוואָרן אין דער וואַרשעווער געטאָ, פונקט ווי די יידן אין אַלע אַנדערע געטאָס אונטער דער נאַצי־מאַכט, זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר פולער פאַרניכטונג. די היטלעריסטישע בעסטיעס האָבן זיך אין דער וואַרשעווער געטאָ באַנוצט מיט דער אייגענער טאַקטיק און פערפידיע ווי אין אַלע געטאָס. די געשיכטע פון דער פאַרטיליקונג פון דער וואַרשעווער געטאָ איז דעריבער אייגנטלעך די געשיכטע פון דער שחיטה פונעם גאַנצן פוילישן יידנטום.

די איזאָלירטע יידן אין דער געטאָ זיינען דערנידעריקט, באַרויבט און געפייניקט געוואָרן מיט אומבאַשרייבלעכער רציחה. פאַרהונגערן צום טויט איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פאַרניכטונג מעטאָדן פון די נאַצישע תלינים. אַ שוועדישער זשורנאַליסט, גיווער גונערסאָן, וואָס האָט באַזוכט וואַרשע אָנהויב 1941, האָט באַריכטעט צו זיין צייטונג „גראַגענס נייהעטער״, אַז „אין דער געטאָ הערשט אַ שרעקלעכער הונגער. די געטאָ־איינוואוינער זעען אויס ווי לעבעדיקע מתים״. דר. עמנואל רינגעלבלום אין זיין היסטאָרישן אַרכיוו, פאַרצייכנט אין פעברואַר, 1941, אַז „עס איז גרויס די סכנה פון שווינדזוכט, וועלכע פאַרשפּרייט זיך צווישן יידן (פון דער וואַרשעווער געטאָ)... אָפטע פאַלן פון אַרויסשלעפּן רעשטלעך עסן פון די מיסטקאַסטנס״.

די נאַציס האָבן אויסער דעם אָנגעהאַלטן אַן אומאויפהערלעכן טעראָר קעגן די יידן אין דער געטאָ. איינציקע יידן, גרופּעס יידן און גאַנצע גאַסן פלעגן באַשאָסן ווערן און דערמאָרדעט ווערן אָן אַ פאַרוואָס פון די צעיושעטע עס־עס־לייט. יידן ווערן פאַרברענט צוזאַמען מיט זייערע הייזער, דערשטיקט, פאַרסמט און באַגראָבן לעבעדיקערהייט. עס איז ניט געווען קיין מיתה־משונה, וועלכע די בעסטיאַלישע נאַציס זאָלן ניט האָבן צוגעטראַכט פאַר זייערע שוצלאָזע קרבנות — יידישע מענער, פרויען און קינדער — יונג און אַלט און זויג־קינדער.

שפּעטער, ספּעציעל נאָך דער גרויסער נידערלאַגע וואָס די נאַצישע מחנות האָבן געליטן אין דעצעמבער, 1941, אַרום מאָסקווע און דער אַנטשטייאונג פון די העלדישע פאַרטיזאַנישע גרופּן אין די שכנישע סאָוועטישע געגנטן, האָבן די היטלעריסטן שטאַרק פאַרשנעלערט זייער פאַרניכטונג־קאַמפּאַניע אין גאַנץ פוילן. אָנהויבנדיק אין מערץ 1942, פירן די נאַציס דורך בלוטיקע מאַסן־שחיטות אין ווילנע, באַראַנאָוויטש, לעמבערג, סלאָנים, ראָוונע, בריסק, ביאַליסטאָק און עטוואָס שפּעטער ווערן געשאַפן די גאַז־קאַמערן אין וואַרטענאַך און לובלין און די קרעמאַטאָריעס פאַר לעבעדיקע מענטשן אין בעלזשעץ.

דעם 22טן יוני, 1942, האָבן די נאַציס אָנגעהויבן דורכפירן די פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון די וואַרשעווער יידן. יעדעם טאָג האָבן זיי אָנגעהויבן דורכפירן די „איבערזידלונג“ פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער געטאָ, צו פינף־צען טויזנט און מער יעדן טאָג, צו דעם גיגאַנטישן שעכט־הויז אין טרעבלינקע, וואו זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ ראַפינירט־בעסטיאַלישן אופן, אין גאַז־אויוונס און דורך אַלערליי וויסנשאַפטלעך־צוגעטראַכטע סאַדיסטישע מיתות־משונות. פונעם 22טן יוני ביז דעם 21טן סעפּטעמבער זיינען דריי הונדערט טויזנט יידן, אַרום ניינציק פּראָצענט פון אַלע געטאָ־יידן צו יענער צייט, מערדערלעך אומגעבראַכט געוואָרן. באמת, ווי דער כראָניק־שרייבער פון „חורבן־וואַרשע“ י. פּערלע, דריקט זיך אויס, „ס'איז ניטאָ די פעדער“, וואָס זאָל זיין בכוח צו באַשרייבן אָט דעם שוידערלעכן פאָלקס־מאָרד און די בעסטיאַלישע רציחות, מיט וועלכע ער איז דורכגעפירט געוואָרן. אָבער דאָס סאַמע שוידערלעכסטע אין דער געשיכטע פון אָט־דער מערדערלעכער פאַרטיליקונג איז אפשר געווען דער טראַגישער פאַקט, וואָס די נאַצישע הענקער „האָבן געפונען העלפער און משרתים אין דער יידישער געזעלשאַפט גופא“.

**6.**

אַזוי שנעל ווי די נאַציס האָבן פולשטענדיק פאַרנומען דאָס לאַנד — האָבן זיי, דעם 28טן נאָוועמבער, 1939, איינגעפירט יודענראַטן אינעם גאַנצן געביט פון פוילן אַלס געהילף־אַגענטורן פאַר דער אָקופּאַציע־מאַכט, מיט זייער איינגענער „יידישער אָרדענונגס דינסט“ (פּאָליצי), מיט אַ צאָל לעגאַלע אינסטיטוציעס פאַר רעליגיעזע באַדערפעענישן — ווי בית־עולמס, חברה־קדישא (באַגרעבער), בתי־מדרשים, מקוואות און מיט געוויסע לעגאַלע און האַלב־לעגאַלע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף און פאַר שטרענג־באַגרענעצטע קולטורעלע פונקציעס. אָבער די ווירקלעכע הויפּט־אויפגאַבע פון די יודענראַטן איז געווען צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט און די יידן פאַר דער דורכפירונג פון אַלע נאַצישע דעקרעטן, פאַראָרדענונגען און רעגולירונגען בנוגע די יידן; צו האַלטן די נאַציס גוט אינפאָרמירט וועגן אַלע געשעענישן און פּאַסירונגען אין די געטאָס; צו פאַרשפּרייטן אילוזיעס; ניט צו דערלאָזן קיין ווידערשפּעניקייט; אַרויסגעבן צו די נאַציס יעדן יידן וואָס באַגייט אַ וועלכן עס איז פאַרברעכן קעגן דער נאַצישער „געזעצלעכקייט“.

לויטן אַלטן אימפּעריאַליסטישן כלל פון „צעטייל און הערש“ האָבן די נאַציס געשאַפן פאַרשיידענע מדרגות פון כלומרשט מער און ווייניקער פּריווילעגירטע יידן. די מיטגלידער פון די יודענראַטן און זייערע פאַמיליעס, די יידישע פּאָליציי און זייערע משפחות זיינען געווען די סאַמע פּריווילעגירטע יידן, צו־

זאַמען מיט די יידישע גבֿירים און ספּעקולאַנטן, די שטילע שותּפֿים פֿון די דייטשע שאַפּען (פֿאַבריקן), וואו יידישע פֿאַך־אַרבעטער זיינען געצוואונגען געוואָרן צו אַרבעטן אונטער די שרעקלעכסטע באַדינגונגען.

די נאַצישע מאַכט האָט געהאַט גענוג דערפֿאַרונג אין דער קונסט אויסצוזוכן פּאַסיקע עלעמענטן און פֿאַרוואַנדלען זיי אין געצייג פֿאַר אירע שוידערלעכע פֿאַרברעכנס. אַלס מיטגלידער פֿון די יודענראַטן האָט די אָקופּאַציע־מאַכט באַשטימט אַזעלכע מיטגלידער פֿון די קהילה־פֿאַרוואַלטונגען, וועלכע זיינען פֿאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט מיט זייער נאָכגעביקייט צום פּריץ. (אַט פּונקט ווי אונדזערע איצטיקע דעה־זאָגער האַלטן אָפּ קאָנפֿערענצן מיט די מעקאַרטיס און פֿרעדיקן, אַז יידן דאַרפֿן זיך „צופּאַסן" און איינלעבן מיטן מעקאַרטיזם). די יודענראַטן זיינען צום גרעסטן טייל באַשטאַנען פֿון דעם טיפּ, וואָס איז באַקאַנט אַלס „מייז, ניט קיין מענטשן", וועלכע קענען ניט ביישטיין דעם נסיון פֿונעם פֿעטן שטיקל קעז אין דער פּאַסטקע, כאָטש זייער אייגענער פֿאַרשטאַנד וואָרנט זיי, אַז זיי וועלן לעבעדיקערהייט פֿון דער פּאַסטקע ניט אַרויסקומען.

די נאַציס האָבן אָנגעפּאַקט די יודענראַטן און די יידישע פּאָליציי מיט יידישע געסטאַפּאָ־אַגענטן. דער פּנקס „חורבן וואַרשע" דערציילט, אַז „צו אונדזער גרויסער בושה, צו אונדזער ביטערער קלאָג אַרבעטן אין דער געסטאַפּאָ עטלעכע הונדערט יידן — אַלס געהיים־אַגענטן". די געסטאַפּאָ פֿלעגט דעריבער זיך שנעל דערוויסן וועגן די יודענראַט־מיטגלידער, וועלכע זיינען ניט געווען הינטיש געטריי צו דער אָקופּאַציע־מאַכט. אַזעלכע יודענראַט מיטגלידער פֿלעגן גלייך אַראָפּגעזעצט ווערן און געווינלעך אומגעבראַכט ווערן. עס זיינען אויך געווען פֿאַלן פֿון „לאָיאַלע" (צו די נאַציס) יודענראַט מיטגלידער, ביי וועמען דאָס געוויסן פֿלעגט אויפֿוואַכן אין מאָמענטן, ווען נאַציס זיינען באַגאַנגען זייערע סאַמע שוידערלעכסטע פֿאַרברעכנס. דאָס איז, למשל, געווען דער פֿאַל מיט א. טשערניאַקאָוו, פּרעזיצער פֿון וואַרשעווער יודענראַט. ווען די נאַציס האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די צאָל יידן, וואָס מוזן „איבערגעזידלט" ווערן, אָדער צוגעשטעלט ווערן דורכן יודענראַט פֿאַר פֿאַרניכטונג אין טרעבלינקע זאָל פֿאַרגרעסערט ווערן פֿון זעקס טויזנט ביז צען טויזנט אַ טאָג, איז טשערניאַקאָוו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אויסער אַזעלכע ווייניקע ליכטיקע אויסנאַמען זיינען די יודענראַטן געווינלעך אויסגענוצט געוואָרן אַלס אינסטרומענטן אין דער דורכפֿירונג פֿון די פֿאַרברעכערישע נאַצישע פֿאַרניכטונגס־פּלענער.

די יודענראַטן האָבן געשפּילט אַ מיאוסע, שוידערלעך־פֿאַרברעכערישע ראָליע אין דער פֿאַרטיליקונג פֿון דער געטאָ. די יודענראַטלער האָבן דערמעגלעכט, אַז די יידן זאָלן געפֿירט ווערן ווי שעפּסן צו דער שחיטה מיט יידישע הענט. זיי האָבן געהאָלפֿן פֿאַרפֿירן און נאַרן די יידישע קרבנות, צעשפּליטערן זייערע

רייען, פאַרשפּרייטן אַנטמוטיקונג, פּעסימיזם און דעפּיטיזם. זייער יידישע פּאָליציי האָט באַהאַנדלט די יידישע קרבנות מיט אַ ווילדער ברוטאַליטעט און אומברחמנותדיקער גרויזאַמקייט. אַ ראַפּאָרט וואָס די פאַראייניקטע יידישע אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשעווער געטאָ האָבן אַרויסגעשמוגלט צו דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן און די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד דערקלערט פּייערלעך, אַז:

„די יידישע געטאָ־מאַכט (יודענראַט) — דאָס באַשעפעניש פון די אָקופּאַציע־באַדינגונגען — האָט לגמרי ניט אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון דער באַפעלקערונג. אָט־די יודענראַטלער און זייערע בעלי־יועצים, די נייע מענטשעלעך, קאַריעריסטן און הויכגעשטעלטע לייט מיטן אָקופּאַנטס חסד, האָבן נישט געקאָנט קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן באַוואוסטזיניק, אָדער אומבאַוואוסטזיניק דער טאַקטיק פון דעם אומזידלונגס־אַמט: צעטייל און הערש, און באַקומענדיק אַביסל קאָנצעסיעס פאַר געוויסע גרופּן אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, האָבן זיי געגעבן זייער הסכמה אויף אַדורכצופירן די אַקציע פון אויסראָטן די יידן".

אָנהויבנדיק פונעם 22טן יולי, 1942, זיינען אַלע גזרות און מעלדונגען אונטערגעשריבן געוואָרן דורך דעם יודענראַט אָדער דורך דעם „לייטער פון דער יידישער אָרדענונגס־דינסט". די בלוטיקע גזרה וועגן דער פאַרטיליקונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ „באַקאַנטמאַכונג" — דאַטירט „וואַרשע, דעם 22טן יולי, 1942, און אונטערגעשריבן „„יודענראַט פון וואַרשע". די באַקאַנטמאַכונג לויטעט:

„אויפן באַפעל פון דער דייטשישער מאַכט וועלן איבערגעזידלט ווערן אַלע יידן, וואָס וואוינען אין וואַרשע, אָן אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט".

די וואַרשעווער יידן האָבן געהאַט איבערגענוג אורזאַכן צו פאַרדעכטיקן די „איבערזידלונג" אַלס אַ ווייטערן רציחהשן שריט אין דער נאַצישער פאַרניכטונג־קאַמפּאַניע. קלאַנגען און ידיעות וועגן די שחיטות אין ווילנע, ביאַליסטאָק, לובלין, וועגן די קרעמאַטאָריעס אין בעלזשעץ א. אַז. וו. האָבן שוין געהאַט דערגרייכט וואַרשע. יידן האָבן דאַרום געפּרואווט זיך ראַטעווען, זיך אויסבאַהאַלטן, איז דער יודענראַט, דעם 24טן יולי, אַרויסגעקומען מיט אַ צווייטער שענדלעכער באַקאַנטמאַכונג.

מיט אומפאַרשעמטער צביעות לייקנט דער יודענראַט „די ניט ריכטיקע ידיעות, וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט אין יידישן קוואַרטאַל אין וואַרשע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערזידלונג" און פאַרזיכערט אין נאָמען פון דער דיי־

טשער מאַכט, אַז „דאָס איבערזידלען די באַפעלקערונג, וועלכע איז ניט פּראָדוק־טיוו... קומט ווירקלעך פאַר אויף די מזרח־געביטן" און ווערט אַדורכגעפירט „אין אינטערעס פון דער (יידישער) באַפעלקערונג גופא". דעם 29טן יולי גיט „דער לייטער" פון דער יודענראַטלישער „יידישער אָרדענונגס־דינסט" אַרויס אַן „אויפרוף", אַז יעדער ייד „וועלכער וועט זיך אין די טעג פון 29טן, 30 און 31טן יולי ה"י שטעלן פרייוויליק צום אָפּפאָרן וועט באַקומען אויף אַ פּערזאָן 3 קילאָ ברויט און 1 קילאָ מאַרמאַלאַד".

אָט־די גידערטרעכטיקע פּערפידיע איז ניט פאַרבליבן אינגאַנצן אָן ווירקונג. „חורבן וואַרשע" דערציילט, אַז „אַ סך, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן און דער הונגער האָט זיי געפּייניקט, אַנדערע ווידער, וואָס האָבן שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, האָבן פאַרפאַקט אַ העמד, אַ האַנטוך, אַ בערשטל צו די ציין און מיט ווייב און קינד איבערגעגעבן זיך צו די שוחטים". אָבער עס „זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט נעמען: זיי האָבן זיך געווערט, געשריגן, אַנטלאָפן, באַהאַלטן. דעמאָלט האָבן די יידישע פּאָליצײ־לייט, וואָס באַשטייען דאָס רוב פון האַלבע און גאַנצע משומדים . . . ווייזן וואָס זיי קענען . . .

זיי האָבן געהאַט פאַרשטיינערטע הערצער . . . ווען נישט די יידישע פּאָליצײ וואָלט זיך די דייטשן אפילו מיט דער הילף פון די אוקראַאינער בשום אופן נישט איינגעגעבן אויסצוזוכן, אויסצוגעפינען אַזוי פיל יידן. בלויז די יידישע באַנדיטישע פּאָליצײ האָט געוואוסט אַלע ערטער, אַלע לעכער, וואו די יידן האָבן זיך באַהאַלטן".

אַ צווייטער קדוש, וואָס איז אומגעקומען אין דער געטאָ, דער העברייאיש־יידישער דיכטער, יצחק קאַצענעלסאָן, האָט אין זיין „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" אונדז איבערגעלאָזט אַ שווידערלעך בילד פונעם פאַרראַט פון דער יודענראַטלישער יידישער פּאָליצײ. יצחק קאַצענעלסאָן קלאָגט אָן:

„איך האָב פון פענצטערשויב אַרויסגעקוקט, געזען די שלעגער — אָ, גאָט!
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע באַטראַכט ———
און האָב פאַרבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד... אָ, שאַנד און שפּאָט,
מען האָט די יידן, אַך, מיט יידן — מיינע יידן אומגעבראַכט!

זיי האָבן אונדז אַרויסגעשלעפּט פון אונטער בעט, פון שאַנק אונדז
און געפלוכט:
דער וואָגן וואַרט! צו אַלדי שוואַרצע יאָר, צום אומשלאַק אייך, צום טויט!
זיי האָבן אונדז פון שטוב אַרויסגעשלעפּט און אַלץ נאָך דאָרט אַרומגעזוכט —
דאָס לעצטע קלייד פון שאַנק, דאָס לעצטע ביסל קאַשע, דעם לעצטן פענעץ ברויט.

וועגענער מיט יידן! מען פאַרברעכט די הענט, מען רייסט פון זיך די האָר
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
און באַשטיוולטע, באַהיטלטע פּאָליצײ, יידישע אַרום די וועגן - ווי, אַ בראָך!

דער דייטש שטייט אָן אַ זייט און ווי ער וואָלט קוים, קוים צו זיך געלאַכט —
דער דייטש שטייט פונדערווייטנס, דער דייטש — ער מישט זיך ניט אַריין,
ווי מיר, ווי מיר, דער דייטש! ער האָט מיט יידן — מיינע יידן אומגעבראַכט!
קוק אָן די וועגענער! קוק אָן די שאַנד, קוק אָן, קוק אָן די פּיין!

## 7.

די „געניאַלע פּערפידיע" פון נאַציס צוזאַמען מיט דעם „פּאַראַט לדורות" פון די יודנראַטן און דער יידישער פּאָליצײ און די נבלות פון די פּראָפעסיאָנעלע מוסרים, האָבן דאָך ניט געקענט איגנאַצן אָפּטויטן די שעפערישע כוחות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, זייער לעבנסלוסט און זייער ווידערשטאַנדס־פייאיקייט. דעסגלייכן האָבן ניט די דראַקאָנישע דעקרעטן מיט די שוידערלעכע נגישות און פּייניקונגען, ניט די הויכע געטאָ־מויערן, ניט געקענט איגנאַצן אָפּצוימען די מוטיקע געטאָ־קעמפער פון פריינט אויף דער „אַרישער" זייט, איזאָלירן זיי פון דעם גרויסן וועלט־געראַנגל מיטן שונא פון דער מענטשהייט.

אַקטן פון יידישן אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד זיינען פאָרגעקומען שוין פון דעם ערשטן טאָג נאָך דער אינוואַזיע פון פּוילן. באַלד נאָכדעם ווי די דייטשע מחנות האָבן זיך אין סעפּטעמבער 1939 אַריינגעריסן אין דער פּוילישער טעריטאָריע, האָבן יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ זיך אָנגעשלאָסן אָן די אַלגעמיינע קעמפערישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך פאָרמירט אין פּוילן פאַר אָפענעם און אונטערערדישן ווידערשטאַנד קעגן שונא, ווי די „קאָטאָוועצעס" און דער יוגנט־פאַרבאַנד „ספּאַרטאַקוס". אָט־די קעמפערישע גרופּן האָבן איבערגעטראָגן זייער טעטיקייט אין דער געטאָ, ספּעציעל די יוגנטלעכע ספּאַרטאַקוס־גרופּע. איינע פון די גרינדערינס פון אַ „ספּאַרטאַקוס" סטודענטן־גרופּע אין דער וואַרשעווער געטאָ, רוזשקע ראָזענפעלד, איז שפּעטער אומגעקומען אין אַ העלדישן טויט אין דעם היסטאָרישן אויפשטאַנד פונעם 19טן אַפּריל. די גאָלדענע קייט פון יידישן ווידערשטאַנד האָט זיך אַזוי אַרום געצויגן דירעקט פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון דער אינוואַזיע.

נאָכדעם ווי די שוואַרצע טויערן פון דער געטאָ האָבן זיך פאַרשלאָסן אַרום די פאַרמויערטע יידן, האָבן זיי טראָץ דער שוידערלעכער נאַצישער טיראַניי, אַנטוויקלט אַ היפּשע צאָל ווידערשטאַנד־גרופּן מיט אַ באַדייטנדיקער אונטערערדישער פּרעסע, פון וועלכע עס דאַרפן דערמאָנט ווערן די „מאָרגן־פריי" (וועלכע איז אין דעצעמבער, 1941, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די טעגלעכע „פּראָלעטאַרישע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן" און אין יאַנואַר, 1942, אין דער טעגלעכער מימיאָגראַפירטער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט") ; די פעריאָדישע אויסגאַבן „דער פונק", דער „רוף", „ידיעות", „יוגנט־רוף" און „שביב" (העברייאיש). פון די קעמפע־

רישע אָרגאַניזאַציעס, חוץ די גרופּעס פון „ספּאַרטאַקוס", האָבן אַנטוויקלט אַ באַדייטנדיקע אונטערערדישע טעטיקייט די פּ. פּ. ר., דער „השומר־הצעיר", „עקיבא", די לינקע פּועלי־ציון, די פּועלי־ציון (מיט צ. ס.), „הדרור", „החלוץ" און דער בונד.

אין משך פון דעם ערשטן יאָר פון זייער גערעאַנגל אויף לעבן און טויט אין דער געטאָ, האָבן די ווידערשטאַנד־קרייזן באַוויזן צו אַנטוויקלען בלויז אייניציקע, קלענערע ווידערשטאַנד־אַרויסטרעטונגען קעגן דעם רוצחישן שונא און זיינע יידישע אַרויסהעלפער. עס קומען פאָר אין משך פון 1941 אַ צאָל קלענערע סטרייקס פון סטאָליער, טעקסטיל און נאָדל־אַרבעטער, און שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע. עס אָרגאַניזירן זיך אַ רייע הויז־קאָמיטעטן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַליין־הילף און זעלבסטשוץ, — אַ מין האַלב־אָפענער בונט קעגן יודענראַט און זיין „אָרדענונגס־דינסט". אין משך פון די כאַפּעררייען פאַר צוואַנג־אַרבעט, וואָס די יידישע פּאָליציי פלעגט דורכפירן אין די גאַסן, זענען פאָרגעקומען אייניקע ספּאָנטאַנע און טיילווייז־אָרגאַניזירטע אַרויסטרעטונגען. דער שרעקלעכער הונגער־רעזשים, וואָס די נאַציס האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף דער געטאָ, האָט אַרויסגערופן אַ רייע קלענערע הונגער־אַרויסטרעטונגען און אויך ספּאָנטאַנע און אָרגאַניזירטע מאַסן־פּראָטעסטן קעגן די יידישע גבירים און ספּעקולאַנטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוהעלפן די מאַסן פּליטים וואָס זיינען אָנגעקומען קיין וואַרשע פון אַנדערע יידישע צענטערס.

שפּעטער, נאָכן 22טן יוני, 1941, ווען היטלער איז איבערגעפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען אין דער געטאָ אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ רייע סאָבאַטאַזש־אַקטן. אַזוי האָבן די יידישע שניידער אין די דייטשע שאַפּעס, צום ביישפּיל, קאַליע געמאַכט אַ טראַנספּאָרט מונדירן פאַר דער דייטשער אַרמיי.

צוויי הויפּט־אורזאַכן האָבן געשטערט אין דער אַנטוויקלונג פון אַ פאַראייניקטן עפעקטיוון מאַסן־ווידערשטאַנד: ערשטנס, די צעריסנקייט צווישן די אייניציקע יידישע קאַמפּס־גרופּן, וואָס איז דערצו נאָך ספּעציעל אויפגעהעצט און קולטיווירט געוואָרן דורך די נאַציס און זייערע אַגענטן אויף דער יידישער גאַס; און צווייטנס, די גלייכגילטיקע באַציאונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און אירע באַוואָפנטע קרעפטן אין פוילן, וואָס האָט ביז יאַנואַר 1942 זיך געפונען כמעט אינגאַנצן אונטער דעם איינפלוס און לייטונג פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן. אָט־די גרויסע שטערונג איז באַזייטיקט געוואָרן אין יאַנואַר 1942, ווען די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי, פּ. פּ. ר. איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ פּראָגראַם פאַר באַלדיקן מאַסן־קאַמף קעגן דער נאַצישער אָקופּאַציע; פאַר אַ געאייניקטן נאַציאָנאַלן קאַמפּס־פראָנט און פאַר דער צוגרייטונג צו אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פון אָט־דער ניי־געגרינדעטער פּאַרטיי זיינען געווען די העלדן פון שפּעטערדיקן

געטאָ־אויפשטאַנד — אנדזשי שמיד (פּיניע קאַרטון) און יוסף לעוואַרטאָווסקי (יוסף פינקעלשטיין, „דער אַלטער יוסף") פון ביאַליסטאָק.

אויף דער איניציאַטיוו פון שמידטן און לעוואַרטאָווסקין, איז אין מערץ 1942 געשאַפן געוואָרן דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק, צו וועלכן עס זיינען צו־געשטאַנען די קאַמפּס־גרופן פון פּ. פּ. ר., פּועלי־ציון, השומר הצעיר, החלוץ און „דרור". די רעכטע ציוניסטן און דער „בונד", האָבן דאַן זיך נאָך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דעם פּאַראייניקטן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק. די לעצטע צווי גרופן שטייען צו צום פּאַראייניקטן פראָנט ערשט אין אָקטאָבער 1942, ווען דער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק פאַרוואַנדלט זיך אין דער „פאַראייניקטער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", אָדער „זשאָב" (זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַצי באָיאָווא).

מיט דער גרינדונג פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, איז באַזייטיקט גע־וואָרן די ערשטע פון די צוויי סאַמע ערנסטע שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ ווירקזאַמען מאַסן־ווידערשטאַנד קעגן די נאַציס. די צווייטע ערנסטע שטערונג, די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג און אירע אונטער־ערד־כוחות אין פּוילן גופא, איז בלויז טיילווייז באַזייטיקט געוואָרן ווען ס'איז באַשאַפן געוואָרן די אונטערערדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, די „אַרמיאַ לוּדאָוואַ", אָדער „פּאָלקס־גוואַרדיע", וועלכע האָט אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטע־לונג צום יידישן קאַמף אין דער געטאָ.

דער קדוש, שמואל ווינטער, אַן אומפּאַרטייאישער קולטור־טוער און פּאַר־שער פון יידישער פאָלקלאָר און שפּראַך, האָט אין זיין טאָג־בוך, אַזוי שפּעט ווי 1943, פאַרשריבן מיט ווייטאָק און צאָרן דעם תמצית פון אָט־דער נעגאַטיווער שטעלונג:

> „מרדכי אַנילעוויטש דערציילט מיר, — שרייבט שמואל ווינטער, — אַז דער פאָרשטייער פון דער לאָנדאָנער גלות־רעגירונג אין פּוילן זאָל שוין האָבן איבערגעגעבן קיין לאָנדאָן די ידיעה וועגן דער לעצטער אַקציע פון דעם העלדישן ווידערשטאַנד (אין יאַנואַר 1943). לאָנדאָן האָט קאַטעגאָ־ריש פאַרבאָטן אַקטיוו אַרויסצוטרעטן קעגן די נאַציס. דאָס איז אַ תשובה אויף די ידיעות וועגן די לעצטע כאַפּערייען אין וואַרשע. שיקאָרסקי (פּרע־מיער פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג) וויל ניט בשום אופן מיט עפּעס וואָס מיטהעלפן צום סאָוועטישן נצחון!"

ערשט נאָך דער גרינדונג פון דער פּ. פּ. ר., אין יאַנואַר 1942, און דער פאָרמירונג פון דער „פאָלקס גוואַרדיע", האָבן די ווידערשטענדלער אין דער געטאָ צוביסלעך אָנגעהויבן באַקומען פון דער „אַרישער" זייט הילף און עט־וואָס באַוואָפענונג, צוזאַמען מיט מאַטעריאַלן פאַר דעם פּראָדוצירן פון איי־גענע וואָפן.

מיט דער גרינדונג פון דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, אין מערץ 1942, ווערן

אייַנגעשטעלט מער סיסטעמאַטישע פאַרבינדונגען צווישן דער וואַרשעווער און אַנדערע יידישע געטאָס, ווי אויך מיט דער אויסערלעכער וועלט בכלל. מיט דער מיטהילף פון דעם דייטשן אַנטי־פאַשיסטישן אונטעראָפיציר אַנטאָן שמידט, ווען די נאַציס דערמאָרדן שפּעטער, קומט אָן קיין וואַרשע אַ יוגנט־דעלעגאַציע פון ווילנע און גיט איבער אַ גרוס, סיי פון דער שחיטה דאָרט, סיי וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע.

עס ווערן אויך אָרגאַניזירט פאַרשיידענע מער סיסטעמאַטישע ווידערשטאַנד־אַקטן. יוסף לעוואַרטאָווסקי, שטעלט אַרויס ביי אַ צוזאַמענקום, דעם לאָזונג: „לאָמיר שטורעמען די געטאָ־מויערן! הונדערטער וועלן פאַלן, טויזנטער אָבער וועלן זיך דורכרייסן!“. אָבער די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון דער געטאָ איז נאָך ניט געווען גענוג צוגעגרייט פאַר אַזאַ אַנטשיידענער פאָרם פון מאַסן־קאַמף. שמואל ווינטער, האָט שפּעטער, דעם 19טן יאַנואַר, 1943, אין משך פון דעם ערשטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך דעם פאָלגענדן באַדייטונגספולן אורטייל — איבער דער דעמאָלטדיקער ניט־רייפקייט פון די יידישע קרייזן, וועלכע האָבן זיך אַנטזאָגט אָנצונעמען לעוואַרטאָווסקיס אַרויסרוף:

„היינט וועט ווערן אַ האַלב יאָר, — שרייבט ווינטער, — זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער חורבן. ווען מיר וואָלטן דעמאָלט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, כאָטש אין אַזאַ מאָס, ווי בשעת דער לעצטער אַקציע וואָלט די נאַציס אַזוי לייכט ניט אָנגעקומען ליקווידירן אַזאַ גרויסן יידישן ישוב. ווען די יידן וואָלטן כאָטש דעמאָלט ניט געגאַנגען פרייוויליק, נאָר זיך באַהאַלטן מיט אַזאַ עקשנות, ווי אין דעם משך פון די לעצטע טעג, וואָלט אַזאַ אַקציע געמוזט דויערן לאַנגע חדשים. — ליידער האָבן צוערשט אַ פערטל מיליאָן יידן געמוזט פאַרלירן זייער לעבן, ביז די רעשט האָט פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן מצב און געמאַכט דערפון די ריכטיקע אויספירן“.

אין משך פון דער יולי־סעפּטעמבער מאַסן־שחיטה אין טרעבלינקע, קומען פאָר אָפטע אַקטן פון פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד. אַ גרויסע צאָל יידן אַנטלויפן פון אומשלאַג־פּלאַץ; עס ווערן אונטערגעצונדן מאַגאַזינען; ווידערשטענדלער רייסן אַרויס געווער ביי אוקראַיינישע פּאַשיסטן. דער פּ. פּ. ר. מיטגליד, הענריק קאָטליצקי, שמוגלט אַריין דעם ערשטן רעוואָלווער אין געטאָ מיט וועלכן עס ווערט דערשאָסן דער שעף פון געטאָ־פּאָליציי, דער משומד יאָזעף שערינסקי; מיט הילף פון דער אַרישער זייט ווערן גרופּן יידן אַרויסגעפירט אין וואַלד וואו זיי שליסן זיך אָן אָן די פּאַרטיזאַנישע גרופּן. אין משך פון דער צייט, זיינען דורך דער פאַרמיטלונג פון די פּאַרטיזאַנען באַזעס אין ווייס־רוסלאַנד, געשיקט געוואָרן רופן פאַר הילף צו דער רויטער אַרמיי. אַלס רעזולטאַט

דערפון האָט די סאָוועטישע אַוויאַציע דורכגעפירט אַ רייע אַטאַקעס אויף די דייטשן.

אין אָקטאָבער 1942, קומט פאָר די פולע פאַראייניקונג פון אַלע יידישע פאַרטייען, ריכטונגען און קאַמפּס־גרופּן. עס ווערט באַשאַפן די פאַראייניקטע יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער „זשאָב״. די הויפּט־אָנפירערשאַפט איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו מרדכי אַנילעוויטש („השומר הצעיר״), מיכל ראָזנפעלד (פּ. פּ. ר.), הערש בערלינסקי (לינקע פּועלי־ציון), יצחק צוקערמאַן (החלוץ) און מאַרעק עדעלמאַן (בונד־צוקונפט). עס איז אויך באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלע פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטע אונטער דער לייטונג פון דר. עמנואל רינגעלבלום, פון דער באַוואוסטער „עונג שבת״ באַוועגונג. אַלס פאַרבינדלער מיט דער פּראָגרעסיווער פּוילישער געזעלשאַפט זיינען באַשטימט געוואָרן דר. א. בערמאַן און דר. ל. פיינער. די פאַרבינדונגען מיט די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען אָנגעהאַלטן געוואָרן דורך אריה ווילנער און מרדכי טענענבוים; שפּעטער איז די אַרבעט דורכגעפירט געוואָרן דערהויפּט דורך יצחק צוקערמאַן.

אַ היפּשע צאָל פּוילישע קעמפער האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט איינצוקויפן און שאַפן געווער פאַר דער פאַראייניקטער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. געגוג צו דערמאָנען די פּוילישע פרוי אירענא סאוויצקא, וועלכע איז אַ צייט שפּעטער אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די נאַציס; סטעפאַן סאוויצקי, פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „טרוד״; פּראָגרעסיווע, פּוילישע סקויטן („הארצעזשעס״) אונטער דער הויפּט־אָנפירונג פון אירענא אַדאַמאָוויטש. עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אויף דער אַרישער זייט אַ ריי קאָנספּיראַטיווע וואוינונגען, וואו מען האָט געזאַמלט געווער פאַר דער געטאָ, און וואוינונגען וואו פאַרטרעטער פון דער געטאָ פלעגן זיך טרעפן מיט פאַרטרעטער פון פּוילישע קאַמפּס־גרופּן.

מיט דער מיטהילף פון דער אַרישער זייט איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן די פּראָדוקציע פון געווער אין דער געטאָ גופא. צוויי פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט 50 גראַנאַטן אַ טאָג. אין דער געווער־פּראָדוקציע האָבן זיך באַטייליקט יצחק סוקערניק (גראַנאַטן), דער אינזשינער מיכאל קלעפּפיש (אויפרייס־באָמבעס), אינזשינער אפרים פאַנדאַמינסקי, דאָרקע גאָלדקאָרן צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון „ספּאַרטאַקוס״ האָבן אָנגעפילט אויסגעברענטע עלעקטרישע לעמפלעך מיט שוועבל־זויער; ציליע ליובעטקין, מיט אַ גרופּע, וואָס האָבן אָנגעלאָדן קאָנסערוון שאַכטלעך מיט דינאַמיט; מרים שיפּמאַן א. אַז. וו. איינע פון די ווי־כטיקסטע וואָפן איז געווען דער אַזוי־גערופענער „מאָלאָטאָוו־קאָקטייל״, אָדער פלעשער, וואָס זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט אָנצינד־און אויפרייס־מאַטעריאַלן.

צו דער צייט אַנטוויקלט זיך אויך אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב די אַלגעמיינע פּוילישע אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אונטער דער לייטונג פון דער

פּ. פּ. ר. מיט דער באַוואָפנטער „אַרמיאַ לודאָווא“ (פֿאָלקס־גוואַרדיע). די דײַטשע אַרמייען לײַדן ערנסטע מפּלות אויפֿן סאָוועטישן פֿראָנט. די שאַפֿונג פֿון דער פֿאַראייניקטער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט די גרויסע געשע־ענישן אויסער דער געטאָ מאַכן ענדלעך מעגלעך, אַז אַפֿילו דאַן, ווען דער שונא האָט שוין רעדוצירט די געטאָ־באַפֿעלקערונג ביז צו בלויז וועלכע זיבעציק טויזנט, זאָלן די לעבן־פֿאַרבליבענע אומבאַשרײַבלעך אויסגעמאַטערטע ייִדן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ קענען אונטערנעמען צוערשט דעם באַגרענעצטן אויפֿ־שטאַנד פֿון יאַנואַר 1943 און דאַן דעם באמת אומפֿאַרגלײַכבאַרן, היסטאָרישן אויפֿ־שטאַנד פֿון אַפּריל 1943.

## .8

דעם 9טן יאַנואַר, 1943, איז דער תּלין הימלער געקומען אין וואַרשע און דעם 16טן האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל פֿאַר דער באַלדיקער ענדגילטיקער פֿאַרטיליקונג פֿון דער וואַרשעווער געטאָ.

די פֿאַראייניקטע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ מאַסן־אַרויסטריט פֿאַרן 22טן יאַנואַר, 1943. אָבער די נאַציס זײַנען זיי פֿאַר־לאָפֿן דעם וועג. דעם 18טן יאַנואַר האָבן זיי אַרײַנגעפֿירט אין דער געטאָ צוויי הונדערט דײַטשע זשאַנדאַרן און אַכט הונדערט זעלנער פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאָר־מאַציעס, באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז פֿוס, אונטער דער לייטונג פֿון דעם עס־עס פּאָלקאָווניק און פּאָליציי־פֿירער פֿון דעם וואַרשעווער דיסטריקט, זאַמערן. די פֿאַראייניקטע ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט, ניט אַכטנדיק אויפֿן פּלוצלינגן איבערפֿאַל, אַרויסגעשטעלט אַ גוט אָרגאַניזירטן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. דער רוף פֿון „זשאָב“: „נעמט אין האַנט אַרײַן אַ האַק, אַ שטאַנג, אַ מעסער, פֿאַרבאַרי־קאַדירט אײַער הויז... קעמפֿט!“ האָט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג צווישן אַלע טיילן פֿון דער געטאָ.

די העלדישע אַרויסטרעטונגען האָבן געפֿירט דערצו, אַז צום ערשטן מאָל האָט „די געטאָ אויפֿגעהערט זײַן אַ דזשאָנגל פֿון געיאָגטע חיות און איז גע־וואָרן אַ פֿראָנט“. מאַרעק עדעלמאַן דערציילט: „צום ערשטן מאָל זינט דער גאַנצער אָקופּאַציע־צײַט האָבן מיר געזען דײַטשע הרוגים ליגנדיק אין קאַ־לוזשעס בלוט. צום ערשטן מאָל האָבן מיר געזען, אַז דײַטשן שאַרן זיך בײַ די ווענט אויף דער ערד און זיי גייען געבויגן מיט זייער פּאָרזיכטיקע טריט אויס מורא פֿאַר אַ ייִדישער קויל. די הילפֿס־רופֿן פֿון די פֿאַרוואונדעטע דײַטשן האָבן אונדז דערפֿרייט און געשטאַרקט צום קאַמף.“

אַדאַנק אַט־דעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד, איז זאַמערן געוווען געצוואונגען, דעם 21טן יאַנואַר, איבערצורײַסן די אַקציע. פֿאַר פֿיר טעג האָט ער באַוויזן

אַרויסצושלעפּן פון דער געטאָ ניט מער ווי זעקס טויזנט פינף הונדערט יידן, און האָט פאַרלאָרן אַ היפּשע צאָל זעלנער און געווער.
דער יאַנואַר־אויפשטאַנד איז געווען אַ מין רעפּעטיציע פאַר דעם גרויסן אויפשטאַנד אין אַפּריל. ביידע צדדים האָבן זיך געגומען גרייטן צו דעם לעצטן ערנסטן געראַנגל: די נאַציס צו דער פולקאָמענער פאַרטיליקונג פון אַלע יידן, די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע צו אַ קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר זייער מענטשן ווירדע, פאַרן יידישן כבוד, פאַר נקמה קעגן די הענקער. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף צו די „פּאָליאַקן, בירגער, פריי־הייט זעלנער" פון דער אַרישער זייט. דער אויפרוף דערקלערט, אַז ער איז גע־שריבן „אין דער קלאַפּעריי פון מאַשין־געווער, וועלכע מיר רייסן אַרויס אין קאַמף ביי זשאַנדאַרן און עס־עס־לייט... יעדער שוועל פון געטאָ איז ביז איצט און וועט אויך ווייטער זיין אַ פעסטונג... מיר קענען אומקומען אין דעם קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן... מיר אָטעמען אַזוי גוט ווי איר מיטן דורשט פון נקמה און פון שטראָף פאַר אַלע רציחות פון דעם געמיינזאַמען שונא".
די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע שליסט איר אויפרוף מיט די לאָזונגען:

„פאַר אייער און אונדזער פרייהייט!
פאַר אייער און אונדזער מענטשלעכער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער ווירדע און כבוד!
טויט די תלינים און פייניקער!
זאָל לעבן דער קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן אָקופּאַנט".

דער יאַנואַר־אויפשטאַנד האָט אויפגעהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פאַר־אייניקטער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער געטאָ. דער פאָרזיצער פון יודענראַט, מאַקסימיליאַן ליכטענבוים, איז געווען געצוואונגען צו דערקלערן צו זיינע נאַציסטישע באַלעבאַטים, אַז „די מאַכט ליגט נישט מער אין מיינע הענט, אָן אַנדער רעגירונג הערשט אין געטאָ". די פאַראייניקטע יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע האָט אויסגענוצט די מאַכט, קודם כל, כדי אויסצורייניקן די געטאָ פון די געסטאַפּאָ־אַגענטן און פּראָפעסיאָנעלע מוסרים, און איינצושאַפן די נויטיקע וואָפן און אַמוניציע. עס ווערט דורכגעפירט אַ טויט־אורטייל איבער דר. אַלפרעד נאָסיק, וועלכער האָט געדינט אין דער געסטאַפּאָ נאָך זינט 1933 און קעגן נאָך וויכטיקע געסטאַפּאָ־אַגענטן. עס ווערן אַרויפגעלייגט צוואַנג־שטייערן אויף וואַ־ליוטאַ־הענדלער און ספּעקולאַנטן, פּאָליציי־אָפיצערן, שותפים פון דייטשע שאַפּן וכדומה; עס ווערט עקספּראָפּריאירט די קאַסע פון יודענראַט, אַרום הונדערט און דרייסיק טויזנט זלאָטעס א. אז. וו. אָט די אַלע מאַס־מיטלען מאַכן מעגלעך איינ־צושאַפן היפּשע מאַסן געווער און אַמוניציע.
אַלע קאַמפּס־גרופּן ווערן רעאָרגאַניזירט אין 22 קאַמפּס־גרופּן און עס ווערט

איינגעשטעלט אַ שטרענגע דיסציפּלין און אַן ענגע פֿאַרבינדונג מיטן הויפּט־שטאַב. אויסער אַט די 22 קאַמפּס־גרופּן האָבן זיך אין אויפֿשטאַנד אויך באַטייליקט אַ באַדייטנדע צאָל „לויזע“ קאַמפּס־גרופּן און אַזוי־גערופֿענע „ווילדע“ זעלבסט־שוץ גרופּן, וועלכע זיינען צוליב פֿאַרשידענע סיבות ניט געווען אָנגעשלאָסן אָדער אונטער דעם דירעקטן קאָנטראָל פֿון הויפּט־שטאַב. אַלע קאַמפּס־גרופּן, אפילו די „לויזע“, האָבן געמוזט זיין שטרענג דיסציפּלינירטע און קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אַלע גרופּן, איינגעשלאָסן די „ווילדע“, האָבן גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל אין דעם גרויסן געראַנגל וואָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דעם 19טן אַפּריל און האָט אַריינגעשריבן אַ גאָלדן קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע.

## 9.

ערב פּסח, אין דער נאַכט פֿון 18־19טן אַפּריל, האָבן די נאַציס אַריינגעפֿירט אַ גאַנצע אַרמיי אין דער געטאָ, וועלכע זיי האָבן נאָך פֿריער אַרומגערינגלט מיט, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַוואָפֿנטע פּאַטרולן (דייטש־ליטווינער, אוקראַאינער, לעטן, פּוילישע פּאָליציי) אויף יעדע 25 מעטער. שוין די ערשטע טעג האָבן זיך אין דעם איבערפֿאַל באַטייליקט איבער צוויי טויזנט זעלנער מיט 36 אָפֿיצירן, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דריי דייטשע גענעראַלן — עס־עס גענעראַל פֿאָן־סטראָאָפּ, בריגאַדיר־גענעראַל רייַנהאַרדט און פּאָליציי־גענעראַל גלאָבאָצניק. אַט־די אַרמיי האָט מיט זיך געהאַט אַ באַטאַליאָן מאָטאָריזירטע גרענאַדירן, אַ באַטאַריע פֿון אַרטילעריע, צוויי מאָטאָריזירטע קאָמפּאַניעס, מאָטאָר־ציקלען, טאַנקען, אויטאָס מיט געווער און אַמבולאַנסן און די באַדינונג פֿון אַוויאַציע־אָפּטיילונגען.

דער שונא האָט זיך צוגעגרייט צו מאַכן אַ שנעלן סוף צו דער שארית־הפּליטה פֿון די פֿאַרפּייניקטע יידן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, אָבער דאָס מאָל האָט ער געמאַכט אַ טעות אין חשבון. די דייטשע קאָלאָנען האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער געטאָ דורך דריי פּונקטן, און אין אַלע דריי פּונקטן האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַנטשלאָסענעם, פֿאַרביטערטן און העלדישן ווידערשטאַנד.

אַ ראַפּאָרט פֿון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועגן די שלאַכטן אין איינעם פֿון די פּונקטן אין דעם אַזוי־גערופֿענעם „קעסל“ זאַמענהאָף־מילע דערציילט:

„דער הויפּט־קאַמף קומט פֿאָר אויף דער קרייצונג פֿון די גאַסן זאַמענהאָף און מילע. פֿיר קעמפֿער־אָפּטיילונגען האָבן פֿאַרנומען פּאָזיציעס אין די פֿיר ראָגן פֿון דער גאַס און פֿאַרשטעלט דעם וועג פֿאַר דער הויפּט־

אָפּטיילונג (פֿון די נאַציס), וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין געטאָ. נאָך די ערשטע שאָסן און גראַנאַטן וואָס זיינען טרעפֿלעך געוואָרפֿן געוואָרן אין די רייען פֿון די זעלנער, איז די גאַס געוואָרן ליידיק. די דייטשע זעלנער האָבן זיך באַהאַלטן אין די געוועלבער און מויערן פֿון די הייזער און פֿון דאָרטן געשאָסן. אין 15 מינוט אַרום באַווייזן זיך לייכטע טאַנקען און דערנעענטערן זיך צו די יידישע פּאָזיציעס. די אָנצינד־פֿלעשער טרעפֿן אין ציל. דאָס פֿייער כאַפּט אַרום דעם טאַנק, וועלכער צינדט זיך אָן און רייסט זיך אויף. די דייטשן ווערן לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט. די צוויי ווייטערדיקע טאַנקען ציען זיך בהפֿזונדיק צוריק און נאָך זיי די זעלנער. אין דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף האָבן די פֿאַרלוסטן פֿון די דייטשן באַטראָפֿן צוויי הונדערט דערהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע. אונדזערע פֿאַרלוסטן — איין דערהרגעטער. אין צוויי שעה אַרום האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט לייכטע הארמאטן אויפֿן געביט צווישן די געטאָס און באַוואָרפֿן אונדזערע פּאָזיציעס מיט פֿייער. מיר פֿאַרלאָזן אונדזערע פּאָזיציעס, די דייטשן פֿאַרנעמען זיי. מיט אַמאָל, פֿון דעם אַקעגנאיבערדיקן פֿענצטער, פֿון דעם הויז נומער 29 פֿון זאמענהאָף גאַס, ווערט אַרויסגעשליידערט אַ גראַנאַט. אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט נאָך ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם צוזאַמענשטויס, האָט אָנגעגריפֿן די דייטשן. עס פֿאַלן 15 דייטשן. אונדזער אָפּטיילונג פֿאַרלאָזט איר פּאָזיציע אָן פֿאַרלוסטן. אַרום 5 נאָכמיטאָג, האָבן די דייטשן פֿאַרלאָזט דאָס געטאָ און זיך קאָנצענטרירט אין זיינע פֿוסטע טיילן".

אַזעלכע פֿאַרביטערטע און דערפֿאָלגרייכע שלאַכטן זיינען פֿאָרגעקומען אין אַלע אַנדערע פּונקטן, וועלכע זיינען אַטאַקירט געוואָרן פֿון די דייטשע מחנות. פֿאָן־סטראָאָפּ אַליין האָט נאָכן ערשטן טאָג פֿון איבערפֿאַל פֿאַרצייכנט ביי זיך: „אויף די גאַסן פֿון געטאָ זיינען געשטאַנען באַריקאַדן; די יידן זיינען מיט דער פֿאָלג אַרויסגעטראָטן קעגן אונדזערע טאַנקען און פֿאַרפּאַנצערטע אויטאָס"...

דעם 20טן אַפּריל האָבן די קאַמפֿס־גרופּן אין בערשטער־געביט אויפֿגעריסן אַ מינע, וואָס איז פּראָדוצירט געוואָרן אין דער געטאָ גופֿא און פֿון וועלכער עטלעכע צענדליק דייטשע זעלנער זיינען געהרגעט און צעקאַליעטשעט געוואָרן, די אַנדערע זיינען אַנטלאָפֿן. אַ צווייטע אַטאַקע איז צוריקגעשטויסן געוואָרן, מיט דער הילף פֿון אָנצינד־פֿלעשער, וואָס זיינען געשליידערט געוואָרן אויף די דייטשן הויפּטזעכלעך דורך די מיידלעך פֿון די העכערע שטאָקן. די באָמבאַרדירונג פֿון דער יידישער פּאָזיציע מיט אַ האָגל פֿייער פֿון דריי קאַנאָנען, וואָס די דייטשן האָבן איינגעשטעלט אויף וויניאַווסקי, ווערט צום גליק שנעל איבערגעריסן. אַן אָפּטיילונג פֿון דער „אַרמיאַ לודאָווא" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פֿראַנצישעק באַרטאָשעק האָט „גראַד" אַטאַקירט אָט די באַטאַרייע און זי שטום געמאַכט (דערביי איז געפֿאַלן דער יונגער בראַווער, מיטגליד פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע יעזשי דוראַטש). די דייטשן צינדן דאַן אונטער דעם בערשטער־געביט פֿון אַלע זייטן.

אויסער דער דערמאָנטער אַטאַקע אויף דער האַרמאַטן־באַטאַרייע, האָט די „אַרמיאַ ליודאָווא״ אין משך פון דעם אויפשטאַנד, דורכגעפירט אַ רייע אַנדערע סאָלידאַרטעט־און רעטונג־אַטאַקעס. דעם 20טן אַפּריל האָט אַ געמישטע פּוילישע גרופּע, מיט קאַפּיטאַן „כוואַצקי״ (פּען־נאָמען) אין דער שפּיץ, געמאַכט אַן אומ־געלונגענעם פּאַרזוך דורכצוברעכן דעם געטאָ־טויער ביי דער סאַפּיעזשינסקי גאַס. אין אָט־דער שלאַכט זענען, לויט סטראָאָפּס אַ ראַפּאָרט, 25 פּאָליאַקן גע־פאַנגען געוואָרן און דערשאָסן געוואָרן גלייך אויפן פּלאַץ. דעם 22טן אַפּריל איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סאַבאַטאַזש אויף דער באַן־ליניע, כדי צו שטערן אַרויספירן אַ טראַנספּאָרט מיט יידן קיין טרעבלינקע. דעם 23טן אַפּריל האָט אַ פּוילישע קאַמפּס־גרופּע דורכגעפירט אַן אָנפאַל אויף די דייטשן אויף פרעטאַ גאַס, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר די דייטשן זיך אַריינצורייסן אין די יידישע בונקערס. ענלעכע אַטאַקעס פון פּ. פּ. ר. און פּ. פּ. ס. (לינקע סאָציאַ־ליסטן) מיטגלידער זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף די דייטשן אין דער געגנט פון קערנצלאַק פּלאַץ. אין אַ פיר טעג אַרום האָט די פאָלקס־גוואַרדיע דורכגע־פירט אַ גרעסערע אַקציע קעגן די דייטשן אויף לעשנע און פאַוואַנזעק. אַ קורצער, אָבער פיל־זאָגנדיקער רוף, איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן צו דער פּוילישער באַ־פעלקערונג אויף דער אַרישער זייט, וועלכער איז פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אויף די ווענט פון די מויערן אין וואַרשע:

„פּאָליאַקן! די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף די לעצטע דרייסיק טויזנט יידן אין וואַרשעווער געטאָ. דעם ווידערקול פון דער שיסעריי הערט מען אין אייערע הייזער. פרויען און קינדער פאַר־טיידיקן זיך מיט ליידיקע הענט. איילט מיט הילף!״

עס ווערט געזאַמלט געווער און אַמוניציע און אַריבערגעוואָרפן אין געטאָ אַריין (ביי דער אַרבעט פאַלט דער קוואַרטירמייסטער פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, עדוואַר בראָניסלאַווסקי).

די רעטונג־אַקציעס זענען באַשטאַנען פון אַרויספירן פון דער געטאָ אויפ־שטענדלער דורך די טונעלן פון דער קאַנאַליזאַציע. צוויי אַזעלכע גרויסע אַק־ציעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן דעם 28טן אַפּריל און דעם 10טן מאַי. אי־נעם ערשטן פאַל האָט דער מיטגליד פון דער פאָלקס־גוואַרדיע, וולאַדיסלאַוו גאַיק, אַרויסגעפירט אַ גרופּע פון 40 געטאָ־אויפשטענדלער. אינעם צווייטן פאַל האָבן פּוילישע פאַרטיזאַנען, אונטער דער פירערשאַפט פון פראַנטשישעק לענטשסקי, אין מיטן העלן טאָג אַרויסגעפירט פון געטאָ 34 קעמפער אין פו־לער באַוואָפענונג און זיי אָפּגעפירט אין וואַלד. אָט־די רעטונג־אַקציעס זענען שטאַרק געשטערט געוואָרן צוליב דעם וואָס די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ פון דער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, די איינציקע וואָס האָט געהאַט אַ פולן געניטעם פלאַן פון

דער גאַנצער אונטערערדישער קאַנאַליזאַציע־סיסטעם, האָט זיך אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם פּלאַן צו דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין דער נאַכט פון 13טן אויפן 14טן מאַי, האָט די סאָוועטישע אַוויאַציע דורכגעפירט אַ מעכטיקן באָמבאַרדיר אָנפאַל אויף די נאַציסטישע אַרמיי אָפּטיילונגען אַרום דער געטאָ; אָט־די סאָוועטישע אַטאַקע האָט אָנגעהאַלטן אָנדערהאַלבן שעה און האָט געבראַכט אַ סך דערמוטיקונג צו די רעשטן פון די געטאָ־קעמפער.

דער אויסערגעוויינלעכער אימפּעט און גבורה מיט וועלכע די שארית הפליטה האָבן געקעמפט פאַר יעדן הויז, יעדן בונקער, אונטער דער העלדישער אָנפירערשאַפט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט שנעל באַוויזן, אַז מיט דער גאַנצער מאַכט פון זייער איבערוועגענדער מאָדערנער אַרמיי מיט אירע פאַנצער־טאַנקען, אַרטילעריע און אַוויאַציע וועלן די דייטשן ניט קענען באַזיגן די געטאָ אין אָפענעם שלאַכט. אין בערלין האָבן די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן אָנגעהויבן רעדן וועגן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ ווי וועגן אַ מין „דריטן פראָנט". לויט הימלערס פאַראָרדענונג האָט דאַן סטראָאָפּ אַרויסגעגעבן דעם טיי־וואָלאַנישן באַפעל: „אונטערצינדן די געטאָ! אויפרייסן אין דער לופט די הייזער און בונקערס! פאַרברענען לעבעדיקערהייט די באַהאַלטענע מענטשן! פאַרניכטן מיט גאַז די בונקערס און טונעלן!"

פעלד־מאַרשאַל קעסעלרינגס שוואַרץ באַצלמטע באָמבאַרדיר־אַוויאַציע האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט אַראָפּלאָזן אַ מבול פון „אייער" (צינד־באָמבעס און צעשטער־באָמבעס) איבער דער הילפלאָזער געטאָ, וועלכע האָט ניט פאַרמאָגט קיין זעניט אַרטילעריע, אַזוי אַז קעסעלרינגס ברוטאַליזירטע נאַצישע לופט־פליער האָבן רואיק געקענט מאָרדן, אויפרייסן און פאַרברענען מענער, פרויען און קינדער.

דעם 8טן מאַי האָט דער אויפשטאַנד געליטן אַ פאַטאַלן קלאַפּ. דער בונקער פון דעם הויפּט־שטאַב פון אויפשטאַנד אויף מילע 18 איז אַרומגערינגלט געוואָרן און אַטאַקירט געוואָרן מיט גאַז. דאָ זיינען אומגעקומען דער הויפּט־קאָמענדאַנט מרדכי אַנילעוויטש און זיין לעבנס־באַגלייטערין מירע פוכרער, אריה ווילנער, לייב ראָטבלאַט, פּאָנדאַמינסקי און פיל אַנדערע. דאָס האַרץ פון אויפשטאַנד האָט אויפגעהערט צו שלאָגן. דאָך הערט ניט אויף דער קאַמף אין דער געטאָ. ערשט דעם 16טן מאַי, נאָכדעם ווי די שול אויף טלאָמאצקי ווערט צעשטערט דורך אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונגען און אויפרייסן, האָט סטראָאָפּ ראַפּאָרטירט קיין בערלין, אַז „די גרויס אַקציאָן" איז פאַרענדיקט.

דער העלדישער אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ האָט פאַרשטאַרקט און באַגייסטערט דעם ווידערשטאַנד פון די יידן איבערן גאַנצן געביט פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דעם 2טן אויגוסט האָט אויסגעבראָכן אַ בונט אינעם טויטןלאַגער פון טרעבלינקע; דעם 17טן אויגוסט איז אַרויס אין קאַמף די באַ־

וואָפנטע זעלבסטשוץ אין דער ביאַליסטאָקער געטאָ א. אַז. וו.

לאָמיר דאָ פאַרצייכענען צוויי אָפּשאַצונגען פון אויפשטאַנד און זיין באַ־דייטונג. איינע פונעם הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם אויפשטאַנד, מרדכי אַנילעוויטש, און די צווייטע פון דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע פון יענע מורא־דיקע טעג.

דעם 23טן אַפּריל האָט דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דעם אויפשטאַנד, מרדכי אַנילעוויטש, אין אַ היסטאָרישן בריוו צו יצחק צוקערמאַן, זיין פאַרטרעטער אויף דער אַרישער זייט, געשריבן:

„דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט לאָזט זיך ניט באַשרייבן מיט ווערטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון איין זאַך: דאָס וואָס איז גע־שען האָט איבערגעשטיגן אונדזערע סאַמע דרייסטע חלומות. די דייטשן זיינען צוויי (2) מאָל אַנטלאָפן פון געטאָ... אַנהויבנדיק פון היינטיקן טאָג גייען מיר אַריבער צו אַ פאַרטיזאַנישער טאַקטיק... עס זיינען אונדז גע־וואַלטיק נויטיק גראַנאַטן, ביקסן, מאַשין־געווער, אויפרייס־מאַטעריאַלן... זיי געזונט, מיין טייערער! אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן. דער טרוים פון מיין לעבן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, די יידישע זעלבסטשוץ אין געטאָ איז געוואָרן אַ פאַקט. דער יידישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד און די יידישע נקמה האָבן באַקומען רעאַלע פאָרמען. איך בין געוועזן אַן עדות פון אַ פּרעכטיקן העראָאישן קאַמף פון די יידישע אויפשטענדלער".

אַן אַרטיקל אין דער אונטערערדישער „גלאָס וואַרשאַווי" דעם 23טן אַפּריל, 1943, אונטערן קעפּל „העלדישער קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג", ווערט געזאָגט:

.... „דער ווידערשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין דעצידירטן באַוואָפנטן קאַמף. אויפן ענגן שטח פון וואַרשע־ווער געטאָ, האָט מען געמוזט אַראָפּברענגען רעגעלע מיליטער, אַרטילעריע און טאַנקען, מען האָט אויך גענומען צו הילף עראָפּלאַנען... דאָס געטאָ איז באַדעקט מיט געהרגעטע זשאַנדאַרן און עס־עס־לייט... דאָס איז ניט בלויז אַ מיליטערישע מפּלה, דאָס איז אַ בפירושע פּאָליטישע מפּלה. דער קאַמף דויערט ווייטער. עס איז שווער צו רעדן וועגן די העראָאישע אָנשטרענגונגען פון דער יידישער באַ־פעלקערונג אָן טיפער אָנערקענונג און אָן יראת הכבוד... די ווייס־רויטע פאָן, וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין געטאָ אויף אַ קלויסטער טורעם, ווערט אַ סימבאָל... דער העראָאישער קאַמף פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט אויפ־גערודערט גאַנץ וואַרשע. דער דאָזיקער קאַמף צעשמעטערט דעם מויער פון נאַציאָנאַלן האַס, וואָס אונדזער געמיינזאַמער שונא האָט זינט 4 יאָר אויפגע־שטעלט... דאָס געפּיל פון סאָלידאַריטעט ווערט אַלץ שטאַרקער".

די לעצטע גרופּע יידישע קעמפער ווערט מיט דער הילף פון פּוילישע

אַנטי־פֿאַשיסטן אַרויסגעפֿירט פֿון דער וואַרשעווער געטאָ מיט געווער אין די הענט ערשט דעם 23טן סעפּטעמבער. אַזוי ענדיקט זיך די גרויסע עפּאָפּייע פֿו־נעם היסטאָרישן אויפֿשטאַנד, וועלכער וועט פֿאַר אייביק פֿאַרהייליקט ווערן און וועט פֿאַר אַלע קומענדיקע דורות פֿאַרבלייבן אַלס קוואַל פֿון דערמוטיקונג און באַגייסטערונג פֿאַר די יידן און אַלע קעמפֿער „פֿאַר אונדזער און אייער פֿרייהייט".

.10

ווען אַ יידישער פֿאָלקס־מענטש באַזוכט איצט (צי אין דער ווירקלעכקייט, צי בלויז גייסטיק) דעם חרובֿ פּלאַץ פֿון דער צעפֿלינדערטער, צעשטערטער, פֿאַרברענטער און פֿאַרגאַזטער וואַרשעווער געטאָ מוז זיך ביי אים אַרויסרייסן דער האַרץ־ווייטאָקדיקער אויסגעשריי:

וואו איז דער זוניקער הימל דער בלויער ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס טרעטן די פֿיס איצט אויף יידישע קבֿרים,
אויף לעבנס פֿאַרברענטע, דערשטיקטע...
יתגדל ויתקדש — מיין יידישע וואַרשע !

(קלמן פֿרידמאַן)

געגרויסט און געהייליקט זענען פֿאַר אונדז די זעקס מיליאָן יידישע קדושים און נאָך מער די מאַרטירער און העלדן פֿון דער וואַרשעווער געטאָ, וואָס זענען אַזוי בעסטיאַליש אומגעבראַכט געוואָרן פֿונעם נאַצי־פֿאַשיסטישן שונא. יתגדל ויתקדש ! אָבער ווי פּרעזידענט לינקאָלן האָט זיך אויסגעדריקט ביי אַן אַנדער ענלעכער געלעגנהייט, האָט דער מסירת־נפֿשדיקער קאַמף פֿון די קדושים און העלדן פֿאַרהייליקט אונדזער חרובֿע יידישע וואַרשע אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס ווי דאָס איז אין אונדזער מאַכט צוצוגעבן אָדער פֿאַרמינדערן. פֿיל מער איז דאָס אונדזער פֿליכט צו פֿאַרהייליקן די גרויסע אויפֿגאַבע, וואָס זיי האָבן פֿאַר אונדז איבערגעלאָזט. צו שעפּן פֿון די פֿאַרערטע אומגעבראַכטע אַ פֿאַרגרעסערטע אי־בערגעבנהייט צו דער זאַך, פֿאַר וועלכער זיי האָבן אַוועקגעגעבן די לעצטע פֿולע טאָט פֿון איבערגעבנהייט ; צו געבן אַ פֿייערלעכע שבֿועה, אַז מיר וועלן קיינ־מאָל ניט דערלאָזן, אַז אָט די קדושים און העלדן זאָלן האָבן אומגעבראַכט גע־וואָרן אומזיסט.

פֿון צווישן די סלופּעס פֿייער פֿון איר ברענענדיקן בונקער האָט די אַלטע מאַמע פֿון דער יונגער אויפֿשטענדלערין, רבֿקה פּעקער, אַרויסגעשריען קעגן די נאַצי־פֿאַשיסטישע באַנדיטן איר לעצטע קללה: „פֿאַרשאָלטן זאָלט איר זיין אויף אייביק, מערדער!". דאָס איז דער ערשטער אָנזאָג פֿון די קדושים און העלדן: „קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן און קיינמאָל ניט פֿאַרגעבן!". אינעם געראַנגל

מיט די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען וואָס פּלאָגן אונדזער לעבן איצט, — אַנטיסעמיטיזם און מעקאַרטיזם, דער ראַסיסטישער וואָלטער־מעקאַרען געזעץ, די ווידער־אויפֿלעבונג פֿון דייטשן מיליטאַריזם, די מלחמה־געפֿאַר און די געפֿאַרן פֿאַר מדינת ישראל א. אַז. וו., — מוזן מיר שטענדיק געדענקען דעם נאַצי־פֿאַשיסטישן שונא און זיין גרויסע פּערפֿידיע, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרמאַסקירונגען זיי זאָלן ניט אָננעמען.

די געפֿאַר פֿון אַן אַטאָם און הידראָגען וועלט־מלחמה, וואָס קען צעשטערן די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע הענגט ווי אַ דעמאָקלעסעס שווערד איבער אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט. פֿאַר די יידן איז אָט די געפֿאַר פֿיל דרינגלעכער אַדאַנק דער ווידערבאַוואָפֿענונג פֿון אדענאַוערס מערב־דייטשלאַנד. די יידן טאָרן ניט און קענען ניט פֿאַרגעסן, אַז האַנס גלאָבקע, דער מחבר פֿון די נידערטרעכטיקע און שוידערלעכע נירענבערגער געזעצן פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון די יידן איז איצט אַ מיטגליד פֿונעם מערב־דייטשן מיניסטאָרן־קאַבינעט.

דער נעאָ־נאַצישער כאַראַקטער פֿון דער אדענאַוער־רעגירונג איז לעצטנס ווידער אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך דריי געשעענישן: ערשטנס, צוואַנציק נאַציסטישע פֿאָליסלייט, וועלכע האָבן פֿאַרגאָסן אַן אַ שיעור יידיש בלוט און וועלכע האָבן אַליין צוגעגעבן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט 110 יידישע מענער, פֿרויען און קינדער אין דער וואַרשעווער געטאָ זיינען אינגאַנצן באַפֿרייט געוואָרן פֿון אַ מערב־דייטשן געריכט מיט דעם אויסרייד, אַז זיי האָבן „ניט געהאַט קיין גענוג בילדונג“ און האָבן „ניט באַגריפֿן, אַז זיי זענען באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן“.

צווייטנס, יאָזעף קראַמער, די „בעסטיע פֿון בעלזען“ און נאָך ניינציק פֿון זיינע נאָענטסטע אַרויסהעלפֿער אין דער פֿאַרפּייניקונג און מאַסן־מאָרד פֿון צענדליקער טויזנטער יידן אינעם בערגען־בעלזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער און די גאַז־קאַמערן פֿון אוישוויץ זענען אין 1945 פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿון אַ בריטישן געריכט צום טויט. איצט זענען אָט די רוצחים אויסגעגראָבן געוואָרן פֿון די קברים פֿאַר הינגעריכטעטע ביי די ווענט פֿון דער דייטשער טורמע און זיינען מיט אַ פֿאַראַדנער לוויה געבראַכט געוואָרן צו אַ בכבודיקער קבורה. עס איז אוממעגלעך ניט איינצושטימען, אַז אין אָנבליק פֿון דעם, וואָס אונדזערע קאָצעטישע רו־ערטער און מאַסן־קברים געפֿינען זיך אין אַ פֿאַרנאַכלעסיקטן צושטאַנד און פֿון די אומאויפֿהערלעכע שענדונגען פֿון יידישע בית־עלמינס... באַדייט עס אַ ביטערער חוזק איבער די היטלער־קרבנות, די אומגעקומענע און די לעבן־געבליבענע“.*

דריטנס: דער נאַצי פּיטער פֿפייפֿער האָט פֿאַרנומען אַ שליסל־פּאָזיציע ביי היטלערן; ער האָט מיטגעהאָלפֿן שליסן דעם אָפּמאַך צווישן היטלערן און

* מאַריאָן זשיד, „פֿאָרווערטס“, 28טן מערץ, 1954.

דעם מופטי, און ער האָט אָרגאַניזירט די פראָ־נאַצישע פאַרבינדונגען אין דער גאַנצער אַראַבישער וועלט. אָט דער אויסגעשפראָכענער און פאַרביסענער נאַצי איז איצט דער דירעקטאָר פון דער שול פאַר דער צוגרייטונג פון דיפּלאָמאַטן פאַר מערב־דייטשלאַנד, און ער איז נאָר וואָס באַשטימט געוואָרן אַלס דער פערמאַנענטער באַאָבאַכטער (פאַקטיש — פאַרטרעטער) פון דער אדענאויער־רעגירונג ביי די יונייטעד ניישאָנס.

די טויטלעכע געפאַר פון דער ווידעראויפלעבונג פון דעם דייטשן מיליטאַריזם ווערט נאָך מער פאַרשאַרפט און דרינגלעכער צוליב די פראָקלאַמירטע פלענער, אַז די ווידער־באַוואָפנטע ווערמאַכט זאָל שפּילן אַן אָנפירענדיקע ראָליע אין דער „פאַרטיידיקונג" פון אייראָפּע, דערביי ווערט אָפן צוגעגעבן, אַז די „נייע" דייטשע אַרמיי וועט אָנגעפירט ווערן פון די אַלטע היטלערישע גענעראַלן — די קריגס־פאַרברעכער גודעריאַן, קעסעלרינג און האלדערס, טאַנקען־שעף פאָן מאַנטויפעל, גענעראַלן שפּיידעל און שוועפּענבורג. לאָמיר דערמאָנען, אַז גודעריאַנס פאַנצערס, קעסעלרינגס באָמבאַרדיר־אַוויאַציע און מאַנטויפעלס „זאָנדער קאָמאַנדאָס" זיינען ממש איינגעטונקען אין יידיש בלוט און זיינען באַגאַנגען די סאַמע בעסטיאַלישע פאַרברעכנס אין דער צעשטערונג פון דער געטאָ און אין דער פאַרטיליקונג פון די וואַרשעווער יידן. מיר טאָרן דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרגעבן!

אונטער אָט די אומשטענדן מוז יעדער איינזען, אפשר מיט דער אויסנאַם פון די וואָס ווילן ניט זען, אַז דער אַזוי־גערופענער „פאַרגיטיקונג־אָפּמאַך" מיט דער אַדענאויער־רעגירונג איז בלויז אַן אַנדער וועלטקע פון זייער „געניאַלער פערפידיע", נייע שענדלעכע „דריי קילאָ ברויט און איין קילאָ שאָקאָלאַד", כדי די יידן זאָלן זיך לאָזן „פרייוויליק" פאַרנאַרן אין דער פאַסטקע פון נעאָ־נאַצישן אַנטיסעמיטיזם און רעוואַנשיסטישע מלחמה־פאַרשווערונגען, אַזוי אַז מדינת ישראל און די יידן בכלל זאָלן קענען ענדגילטיק אומגעבראַכט ווערן אָן אַ רעכטצייטיקן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. דער פאַקט, וואָס היטלער נאַציס קומען איצט קיין ישראל אַלס אָפיציעלע שליחים פון דער אדענאויער רעגירונג (אין פאַרבינדונג מיט „פאַרגיטיקונג"־פראַגן), און וואָס דער פאַרטרעטער פון מדינת ישראל האָט ביז איצט ניט געהאַט קיין וואָרט פון פראָטעסט קעגן דעם, וואָס אַ היטלער־נאַצי קומט אַלס פאַרטרעטער פון מערב־דייטשלאַנד אין דער יוען איז דער שטאַרקסטער באַווייז, ווי געפערלעך די נעאָ־נאַצישע פאַסטקע פון „פאַרגיטיקונג" איז.

די סאַמע ערנסטע געפאַר, מיט וועלכער מיר, אַמעריקאַנער יידן, שטייען פנים אל פנים, איז דער מעקאַרטיזם. סענאַטאָר הערבערט ה. לעהמאַן האָט אין אַ רעדע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם „קאָנגרעשאָנעל רעקאָרד" (אָפיציעלע פראָטאָקאָלן פון קאָנגרעס) פאַרן 12טן יאַנואַר, 1954, באַצייכנט מעק־

אַרטיזם אַלס „אַנטי־קאָמוניסטישן ווידזשילאַנטיזם". מעקאַרטיזם איז אייגנטלעך די קרייצצוג־שטופּע אינעם פֿאַבריצירן און אַרויפֿצווינגען נאַצי־פֿאַשיזם אויף דער באַפעלקערונג. מעקאַרטיזם, פּונקט ווי נאַצי־פֿאַשיזם, וויקלט זיך אין 110־פּראָצענטיקן פּאַטריאָטיזם און באַנוצט זיך מיטן „גרויסן ליגן", מיט דער „גע־ניאַלער פֿערפֿידיע", מיט די סאַמע אומפֿאַרשעמטע פֿעלשונגען און שווינדלע־רייען, ווי די שענדלעכע פֿאַרלוימדונגען פֿון „20 יאָר פֿאַרראַט" קעגן פּרעזידענט רוזוועלט, פּרעזידענט טרומאַן און דער גאַנצער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; די מיאוסע בילבולים פֿון אומלאָיאַליטעט קעגן פֿאַרשטאַרבענעם הויפּט־ריכטער ווינסאָן און די פֿאַרשטאַרבענע רבנים סטיפֿען ס. ווייז און י. ל. מאַגנעס; די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע מכשפֿה־יעגערישע אינקוויזיציעס קעגן אַלע אַנדערש־דענקנדיקע מענטשן און ביכער, קעגן רעגירונג־און אַרמיי־אָנגעשטעלטע א. אַז. וו.

מעקאַרטיזם מיט אַלע זיינע שמד־שטיק איז בייזוויליק אויסגערעכנט צו אָנט־וויקלען אַן אַנטי־קאָמוניסטישע קרייצצוג־היסטעריע אַלס מיטל צו טעראָריזירן אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, כדי אַזוי־אַרום אונטערצוגראָבן די סאַמע יסודות פֿון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, — די פּאָר־הנחה פֿאַר אָפֿענעם פֿאַשיזם. פּראָפֿעסאָר אַלבערט איינשטיין האָט געגעבן אַ קורץ־געפּאַסטע און היסטאָריש־ריכטיקע אָפּשאַצונג פֿון אָט דער דרינגלעכער געפֿאַר פֿון מעקאַרטיזם. אין אַ געשריבענעם ענטפֿער אויף דער אָנפֿראַגע פֿון דער קאָנפֿערענץ וועגן ציווילע און אַקאַדעמישע פֿרייהייטן (אָפּגעהאַלטן אין פּרינסטאָן, ניו דזשוירזי, דעם 13טן מערץ, 1954) דערקלערט איינשטיין, אַז:

> „. . . צוליב דער באַהויפּטונג, אַז עס עקזיסטירט אַ געפֿאַר פֿון דרויסן קעגן אונדזער לאַנד, ווערן באַשרענקט אָדער געשטערט — די פֿרייהייט פֿון לערנען, קעגנזייטיקער מיינונגען־אויסטויש, פֿרייהייט פֿון דער פּרעסע און אַנדערע מיטלען פֿון פֿאַרבינדונג. דאָס ווערט דערגרייכט דורך דער באַשאַפֿונג פֿון אַ לאַגע, אין וועלכער מענטשן פֿילן, אַז זייערע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס ווערן געשטעלט אין געפֿאַר. דער רעזולטאַט דערפֿון איז, אַז אַלץ מער און מער מענטשן מיידן אויס אַרויסצוזאָגן פֿריי זייערע מיינונגען, אַפֿילו אין זייערע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט אַנדערע מענטשן. אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג קאָן לאַנג ניט עקזיסטירן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען" (אונטערגעשטראָכן פֿון י. מ. ב.).

פֿאַר יידן אַלס מינאָריטעט (פּונקט ווי פֿאַר דער נעגערשער מינאָריטעט) איז די געפֿאַר פֿון מעקאַרטיזם נאָך פֿיל שאַרפֿער. די הויפּט געלט־שטיצע פֿאַר מעקאַרטיזם קומט פֿון אַ גרופּע אַנטיסעמיטישע פֿילפֿאַכע מיליאָנערן פֿון טעקסאַס מיטן אויל (פּעטראָל) מאַגנאַט האַנט אין דער שפּיץ און פֿון אַ כאָפּטע פֿאַרבי־סענע אַנטיסעמיטישע העצער, ווי דזשעראַלד ק. סמיט, אַפּטאָן קלאָוז, מאַרווין

ק. האַרט, דזשאָ קאַמפּ א. אַז. וו. דער הויפּט־לאָיער פון דער אַנטי־דעפאַמיישאָן ליג פון די בני ברית האָט דעם 5טן אַפּריל, 1954, אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז נאָכדעם ווי זיי „האָבן גרינטלעך אויסגעפאָרשט די לאַגע אין פאָרט מאָנמאוט" זיינען זיי געקומען צום „אויספיר", אַז „אומגעצוימטער אַנטיסעמיטיזם" איז אָנגעווענדט געוואָרן אין דער מעקאַרטי־אינקוויזיציע אין דעם פאָרט און אין דער באַזייטיקונג פון פינף־און־דרייסיק ציווילע אָנגעשטעלטע פון דער אַרבעט (פון דער צאָל זיינען געווען דריי־און־דרייסיק יידן).

מעקאַרטיזם איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן שענדלעכן ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישן וואָלטער־מעקאַרען געזעץ און פאַר דער צעשטערונג פון דעם פראַכטפולן יידישן פּראָגרעסיוון פאָלקס־אָרדן, וועלכער האָט געמאַכט אַזאַ גלענצנדן ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון פּראָגרעסיווע און יידישע קולטורעלע ווערטן. עס איז אויך אַ באַקאַנטער פאַקט און עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס איבער 90 פּראָצענט פון אַלע קרבנות פון די מעקאַרטי־טיפּ אינקוויזיציעס זענען יידן.

עס איז דאַרום אַ ווייטאָג און אַ שאַנד, וואָס ביי אונדז געפינען זיך יודענראַטלערישע יידישע מעקאַרטי־חסידים. ס. דינגאָל, למשל, דערציילט אין „טאָג" (פון 6טן מערץ), אַז אין צוויי דעבאַטן וועגן מעקאַרטיזם, אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט, האָט ער „געזען יידן, וואָס זייער האַס צום קאָמוניזם איז אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינען גרייט מוחל צו זיין דעם סענאַטאָר פון וויסקאָנסין אַלע זיינע חטאים." קיינער איז נישט אַזוי בלינד, ווי דער וואָס וויל נישט זען, אַז זיין איבערגעטריבענע האַס איז אייגנטלעך בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם אומיסטן אויפגעבלאָזענער היסטעריע פון מעקאַרטיזם, די אייגענע היסטעריע וואָס היטלער האָט איסגענוצט כדי צו פאַרכאַפּן די מאַכט און איינשטעלן די אָפּענע פאַשיסטישע דיקטאַטור, וועלכע האָט אָפּגעקאָסט די יידן זעקס מיליאָן פאַרפייניקטע און דערמאָרדעטע קדושים און העלדן.

*
**

היינטיקס יאָר, 1954, פאַלט די פייערונג פונעם יאָרטאָג פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד צוזאַמען מיט דעם דריי הונדערט־יאָריקן יובל פונעם יידישן ישוב אין אַמעריקע. ווען די ערשטע גרופּע יידן האָבן אין 1654 געלאַנדעט אין דער איצטיקער טעריטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיי גלייך געמוזט אָנפירן אַ העפטיקן קאַמף כדי צו געווינען עלעמענטאַרע בירגערלעכע רעכט. און אין משך פון די אַלע דריי הונדערט יאָר האָבן די אַמעריקאַנער יידן, אין זייער גרויסער מערהייט, גענומען אַ טיכטיקן, אָפט אַ מסירת־נפשדיקן אָנטייל אין אַלע גרויסע קאַמפן פאַר דעמאָקראַטישע פרייהייטן און גלייכע גע־

לעגנהייטן פאַר אַלעמען אָן אונטערשייד פון גלויבן, פאָלק, אָדער קאָליר פון הויט; אין די קאַמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט, פאַר דער אָפּשאַפונג פון שקלאַ־פעריי, קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן היטלערישן פאַרזוך צו פאַרקנעכטן די גאַנצע וועלט אונטערן קנאַפּל פונעם בעסטיאַלישן נאַצי־פאַשיזם.

די גרויסע דעמאָקראַטישע דערגרייכונג פון אונדזער לאַנד, די פרוכט פון דעם זיג פון דער ציוויליזירטער וועלט איבער דעם נאַצי־פאַשיסטישן שונא פון דער מענטשהייט, איינשליסנדיק מדינת ישראל, שטייען איצט פנים אל פנים מיט דער ערנסטער געפאַר אָפּגעווישט צו ווערן דורך דער ווידעראויפלעבונג פון מיליטאַריזם אין דער נעאָ־נאַצישער דייטשלאַנד און איר ווידערבאַוואָפענונג, וואָס ווערט געטריבן מיט אַזאַ אימפּעט, צוזאַמען מיט דער אויפגעבלאָזענער, פאַרסמטער אינקוויזיציע און היסטעריע פון מעקאַרטיזם. איצט מוזן מיר דע־ריבער מער ווי אַלעמאָל האַלטן הויך די פאָן פון די קדושים און גבורים פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. מיר מוזן פאַרגעדענקען און הייליק אָפּהיטן זייער אָנזאָג פאַר אונדזער קיום און מענטשן־ווירדע. מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

מיר מוזן שטענדיק געדענקען און דערקענען דעם געפערלעכן נאַצי־פאַשיסטישן שונא און זיין גרויסע פערפידיע אין אַלע זייערע פאַרמאַסקירונגען; מיר טאָרן קיינמאָל זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן אין זיין פאַסטקע, מיט וועלכער עס איז וועגנטקע פון „דריי קילאָ ברויט און איין קילאָ שאָקאָלאַד". מיר טאָרן דעם שונא קיינמאָל ניט דערלויבן אונדז צו אַנטמוטיקן אָדער צו צעטיילן אונדזערע רייען. בלויז אין פאַראייניקטן עקשנותדיקן קאַמף פון איינעם פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם וועלן מיר קענען בייקומען אַלע המנס, די פאַשיסטן פון יעטווידן שניט און פאַרזיכערן דעם קיום פון די יידן און דעם קיום פון מדינת ישראל, פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן בכלל און פאַרן יחיד בפרט, אונדזער היינט און אונדזער מאָרגן אין אַ וועלט פון שלום, גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

דעם 20טן אַפּריל, ווען מיר לייגן אַ קראַנץ פון דערמאָנונג און פאַרערונג אויף די אומבאַקאַנטע קברים פון די מיליאָנען יידן, וואָס די נאַציס און פאַ־שיסטן האָבן אַזוי בעסטיאַליש אומגעבראַכט, געפינען מיר אַ היסטאָרישע טרייסט און דערמוטיקונג אינעם רומפולן העלדישן אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרק דאָס האַרץ, מאַך פעסט דעם גייסט.
זייט ניט דעם ווינט, וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט, —
עס האָט געלייכט שוין ניט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
(י. ל. פּרץ)

הייליק און טייער איז אונדז די פאָן פון די קדושים און העלדן פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, — אַ קוואַל פון טרייסט, דערמוטיקונג און באַגייסטערונג. טייער און הייליק איז אונדז זייער אָנדענק און צוואה, זייער רוף צום קאַמף „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט". ווי אַ פייער־זייל וועט ער באַלייכטן אונדזער וועג צו אַ בעסערער צוקונפט, צו אַ וועלט אָן ראַסן־האַס, אָן אונטערדריקונג און אָן דיסקרימינאַציעס, צו אַ וועלט פון שלום און ברידערלעכקייט, פון פרייהייט און גלייכהייט.

# WARSAW GHETTO UPRISING

## 11th ANNIVERSARY

(April 19, 1943—April 19, 1954)

By J. M. BUDISH

Price 25 cents

Published by the

United Committee to Commemorate the Warsaw Ghetto Uprising

209